STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03522

H. ROYZENBLAT YOYVL-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

H. ROSENBLATT JUBILEE BOOK

Published by

H. ROSENBLATT JUBILEE COMMITTEE

May 1948

געזעצט און געדרוקט אין דער יוניאָן דרוקעריי פֿון דער
webbbell press . . . 3620 וועסט פּיקאָ בולעוואַרד
לאָס אַנגעלעס, קאַליפֿאָרניע
67

ה. רויזענבלאַט יובל-בוך

צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג

אַרויסגעגעבן פֿון

ה. רויזענבלאַט יובל קאָמיטעט

לאָס אַנגעלעס, קאַליפֿ. מאַי, 1948

אינהאַלט:

ישראל אָסמאַן — ביאָגראַפישע שטריכן - - - - - - - 5
ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַ בוים (ליד) - - - - - - 14
מענדל עלקין — באַגריסונג - - - - - - - - - 15
דר. א. מוקדוני — יונג־שעפערישע עלטער - - - - - 16
ל. פיינבערג — דער גייער (ליד) - - - - - - - - 31
יואל ענטין — פון אוקראַינישן סטעפ צו דער אַמעריקאַנער פּריירי - 33
מלכה ח. טוזמאַן — צום געבוירנטאָג פון אַ זילבער ווייסן דיכטער 46
יעקב גלאַטשטיין — ה. רויזענבלאַט, פון 1900 ביז 1946 - - 48
ברכה קודלי — צו ה. רויזענבלאַטן (ליד) - - - - - - 58
נחמיה קליין — אין דער פרעמד (ליד) - - - - - - 59
מנחם באָריישא — באַגריסונג - - - - - - - - 60
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — באַגריסונג - - - 60
נ. ב. מינקאָוו — רויזענבלאַטס פּאָעטישע נסיעה - - - - 61
מאיר זימל טקאַטש — דער מאַן פון גייסט (ליד) - - - - 71
א. לעיעלעס — דער וואונדערלעכער מיטגייער - - - - 72
ה. גאָלדאָווסקי — רויזענבלאַטס דיכטעריש שטייגן - - - - 75
מאָטעס דייטש — דיכטערישע פאַרגאַנצטקייט אין לעצטן סך־הכל 83
אסתר שומיאַטשער — בטחון (ליד) - - - - - - - 88
שפרה ווייס — וועלט, איך זוך דיין אַדרעס (ליד) - - - - 90
ש. קאַרפמאַן — ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען - - - - 91
ש. מיללער — דער תושב - - - - - - - - - 97

באַגריסונגען

רעד. קאָלעגיע: י. אָסמאַן, ה. גאָלדאָווסקי, ש. מיללער, ש. קאַרפמאַן

בילד אויף זייט 3 — קאָוונער־גראַדסקי

ה. רויוענבלאט — מערץ, 1948

ביאָגראַפֿישע שטריכן

•

פֿון ישראל אסמאַן

•

ניִשט אַנדערש נאָר דער קוואַל פֿון אייביקער יוגנט האָט זיך אַנטפּלעקט צו ה. רויזענבלאַטן, און זיינע וואַסערן דערפֿרישן און דערקוויקן אים כסדר. זיבעציק זומערס האָבן נישט באַוויזן אים אויסצוטריקענען און זיבעציק ווינטערס האָבן נישט מער ווי פֿאַרשנייט זיין קאָפּ. פֿריש און וואַרעם איז ער געבליבן ווי אַמאָל און באַשטראַלט מיט ליכט. אונטער דער קרוין פֿון גרויקייט פֿינקלען טיף־בלויע אויגן, וואָס לאָזן זיך נישט איינראַמען אין גלאָז. פֿלינק און רירעווודיק פֿעדערט ער זיך אויפֿצושטיין אין פֿרימאָרגנס, שפּעטיקט זיך צו זיצן אין די אָוונטן, און די עלטער האָט אויף אים נישט קיין שליטה. אַלע שווערע כוואַליעס וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אים האָבן אים נישט פֿאַרפּלייצט, און אַלע בייזע ווינטן האָבן אים נישט אויסגעוואָרצלט. אַ קוואַל פֿון פֿרייד שלאָגט אין אים און אומעטום וואוהין ער קומט פֿאַרשפּרייט ער יום־טובדיקייט און געזאַנג. פֿריש און מונטער און פֿול מיט חלומות צעבליט ער זיך מיט נייע זאַפֿטיקע און קרעפֿטיקע לידער. עס האָט זיין עלטער איבערגעטראָפֿן זיין יוגנט. אַ וואונדער און אַ רעטעניש איז פֿאַר אונדז זיין טיף־פֿאַרוואָרצלטער יידיש, און זיין שפּרודלדיקע פֿאָלקסטימלעכקייט איבערראַשט אונדז. נאָך אַ שטיק פֿאַר זיין בר־מצוה איז ער אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע. און דער שמעלץ־טאָפּ האָט אים נישט פֿאַרשמאָלצן. אָט גייט ער דאָ אַרום און טרעט קרעפֿטיק אויף זיינע היימישע הרודעס און ציט זיין יניקה פֿון די טיפֿע יידישע קוואַלן. און פֿרעגט מען אים:

— רויזענבלאַט, פֿון וואַנען נעמען זיך די אַלע פֿיזישע און גייסטיקע כוחות?

שמייכלט ער ליבלעך און ענטפֿערט:
— דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מיין באָבע סימעס קעסט!

#

שטאָט און דאָרף האָבן זיך משדך געווען, פֿון דעם זיווג איז רויזענבלאַט אַרויסגעקומען, אוןביידע צדדים האָבן אויסגעצערטלט זיין פֿריע יוגנט. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן מאַי 1878, אין אַ משפּחה וואָס איז געבענטשט געוואָרן מיט מער געזונט און לאַנג־לעבן ווי מיט עושר און כבוד. זיין זיידע, אלחנן ניסן רויזנבליט, איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכער און אָנגעזעענער פּאָסעסאָר, וועמען די צאַרישע גזרות האָבן אויף דער עלטער פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַרענדאַר און אַ מילנער. ער האָט געוואוינט אין דעם גרויסדאָרף ריסאָשע, לעבן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואו עס האָבן געלעבט אַרום דריי טויזנט אוקראַינער, צווישן זיי אומגעפֿער אַ מנין יידן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער פֿאַמיליע רויזנבליט. אלחנן ניסן האָט געהאַט צוועלף קינדער. אַלע הויכע, געזונטע און שטאַרקע. דער דריטער זון, צבֿי הירש, איז געווען אַ ייד אַ גבֿר, זעקס פֿוס הויך מיט אַ פּאָר ברייטע און שטאַרקע פּלייצעס, און אויף אים זענען געשטאַנען די צוויי געדונגענע מילן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיינער און געראָטענער טאָכטער פֿון אַן אָפּגעקומענעם שניט־סחורה פֿאַבריקאַנט פֿון לאַדיזשין, און זי האָט געהייסן דאבריש. זי איז געווען אַ וואוילקענעווודיקע, געקענט שרייבן און רעכענען, און געווען אַ גרויסער בריה. זי האָט געעפֿנט אַ קרעמל און צוגעהאָלפֿן אין דער פּרנסה. זיי זענען געווען ה. רויזענבלאַטס עלטערן.

די עטלעכע יידן פֿון גרויסדאָרף ריסאָשע האָבן, ווי דער שטייגער איז געווען, געהאַלטן אַ מלמד פֿאַר זייערע קינדער, פֿאַר די ייִנגלעך און מיידלעך, און נישט געלאָזט זיי אויסוואַקסן דאָרפֿס־שקצים. צווישן די־יעניקע דאָרפֿס־מלמדים האָבן זיך צוויי אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע מעלות און האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף חיים׳לען. איינער, אַן אָרימער בחור ליפּע, מיט גרויסע בלויע אויגן, ראָזעווע באַקן און אַ זעלטן זיס קול. ער איז געווען אַ רבי און אויך אַ גוטער חבֿר צו די קינדער און האָט אין אַ קורצער צייט אַסך אויפֿגעטאָן מיט זיי. ער איז אָבער נישט לאַנג געבליבן דאָרט. ער האָט איבערגעלאָזט אויפֿן בוידעם עטלעכע ביכלעך אין אַזאַ לשון וואָס איז געווען פֿרעמד פֿאַר די

דאָרפֿס־יידן. שפּעטער זענען זיי געוואָרן געוואָרן. אַז ער איז ערגיץ אין אַדעס און לערנט דאָרט אין די „שקאָלעס".

דער צווייטער מלמד האָט געהייסן גבריאל און איז געווען אַ ייד מיט אַ העל־בלאָנדער באָרד, צוויי ליבע בלויע אויגן און אָן אַ גאַל. ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער און פֿלעגט זיך מיט זיי מער שפּילן ווי לערנען. זומער פֿלעגט ער מיט זיי פֿאַרברענגען שטונדן לאַנג אין טייך, לערנען זיי שווימען, און מיטשטיפֿן ווי איינער פֿון זיי. ווינטער פֿלעגט ער אויסגיסן דריידלעך, צייכענען קוויטלעך אויף חנוכה, און מאַכן קונציקע גראַגערס און המן־קלאַפּערס אויף פּורים. ער האָט געהאַט אַ האַנט פֿון אַ קינסטלער און ער האָט זיך געגרויסט, אַז דער באַרימטער „מזרח" אין דער גרויסער טעפּליקער שול איז זיין האַנטווערק. צו דעם אַלעמען איז ער געווען אַ וואונדערלעכער דערציילער פֿון מעשהלעך און לעגענדן. די קינדער האָבן אים זייער ליב געהאַט און גערופֿן אים: דער מלאך גבריאל. חיימ׳ל, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר זעקס־זיבן, איז געווען זיין בעסטער תלמיד. ער האָט געקלעפּט אַרום אים. אַ שיין ייִנגעלע מיט אַ גוט קעפּל און אַ זיס שטימעלע, וואָס האָט שיין אויסגעזונגען אַלע „אויסריידאַכצן", איז ער געווען דער ליבלינג פֿון דער גאַנצער קליינער קהילה. דער „מלאך גבריאל" האָט זיך מיט אים מער אָפּגעגעבן ווי מיט אַלע אַנדערע. ער האָט אים געלערנט שרייבן און כתיבה׳ן און צייכנען. ער האָט דערפֿילט זיין פֿאַרלאַנג און דערציילט אים די שענסטע מעשהלעך וואָס ער האָט געקענט, און אַריינגעבראַכט אין אים ייִדישקייט און וואַרעמקייט.

עס איז אויך געווען אַ פֿעטער אַברהמל, אַ קאָמיסיאָנער פֿון תבואה, וואָס פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער די דערפֿער, און פֿלעגט זיין אַן אָפֿטער גאַסט אין ריסאָשע. ער איז געווען אַ שטיק משכיל און אַ בקי אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט. ער פֿלעגט מיטברענגען „זשאַרגאָנישע" ביכלעך און פֿאַרזאַמלען אַרום זיך די גאַנצע משפּחה און פֿאַרלייענען פֿאַר זיי, און אַלע פֿלעגן צולייגן אַן אויער און זיך איינהערן מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט. חיימ׳ל פֿלעגט נישט אָפּטרעטן פֿון אים. דורך אים האָט זיך חיימ׳ל באַקענט אין זיין גאָר פֿריער יוגנט מיט ישראליק דעם משוגענעם, בנימין דעם דריטן און פֿישקע דעם קרומען.

חיימ׳ל האָט איבערגעגעכען די תורה וואָס ער האָט געקענט לערנען ביי די דאָרפֿס־מלמדים, און זיין קלוגע און וואוילקענעוודיקע מוטער דאבריש האָט אים אַוועקגעשיקט צו אירע עלטערן קיין לאַדיזשין. ער איז שוין געווען אַ בחור פֿון אַכט יאָר און מ׳האָט געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר אַ

תכלית. דאָרט האָט ער געלערנט ביי די בעסטע מלמדים, און אַלע האָבן פֿון אים אָנגעקוואָלן. די באָבע סימע האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און געהאָפֿט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל.

עס איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו דערפֿילן די האָפֿענונגען וואָס מ׳האָט געלייגט אויף אים. עס זענען אָנגעקומען די אַכציקער יאָרן מיט זייערע פּורעניות און גזירות און האָבן אַרויסגעריסן יידן פֿון דאָרף. דער זיידע — אַ ייד אין די אַכציקער — האָט זיך באַזעצט אין טעפּליק און איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. צבי הירש רויזנבליט און זיין הויזגעזינט האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין זוכן זייער גליק. נאָך אַ יאָר אַרומשלעפּעניש, גרעניץ־שוואַרצעניש און עטאַפּגייעניש, זענען זיי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

די דאָזיקע רייזע האָט אויפֿן צוועלף־יאָריקן חיימ׳ל געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק, און ער האָט זי מיט אַ פֿופֿציק יאָר שפּעטער אַזוי מייסטערהאַפֿט באַשריבן אין זיינע „הרודעס״.

די משפחה רויזנבליט האָט זיך באַזעצט אין בראַנזוויל.

אַ ביטערער קריזיס האָט דעמאָלט געהערשט אין לאַנד. צבי הירש רויזנבליט — אַ ייד אַ גבר — האָט אַ דאַנק זיין וואוקס און פֿאַרנעם געקראָגן אַ „שטעלע״ צו לערנען זיך פּרעסעריי ביי מענער־קליידער און גלייך געקראָגן די גרויסע שכירות פֿון גאַנצע צוויי דאָלער אַ וואָך. אין זיין זכות האָט אויך חיימ׳ל געקראָגן דאָרט אַרבעט אַלס פֿאַרסטריגעציער, און ווייל ער האָט געפֿונען חן אין די אויגן פֿון דעם בעל־הבית האָט ער אים אויך געצאָלט צוויי דאָלער אַ וואָך. דערצו האָט דאָבריש, די אשת־חיל, „אַרויסגענומען״ אַהיים אויבער־העמדער צום פֿאַרענדיקן און האָט אויך פֿאַרדינט כמעט אַן ענלעכע סומע. די לאַנדסלייט האָבן מקנא געווען די „גרינע״ משפּחה פֿאַר זייער שפּע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט זיך אין דער ערשטער צייט נישט געקאָנט פֿאַרגינען אָפּצורייסן אַזאַ גאָלדשפּינער ווי חיימ׳ל פֿון דער פּרנסה און שיקן אים לערנען. דערצו האָט ער נאָך געהאַט דאָס מזל נושא־חן צו זיין ביים „באַרימטן אָדעסער חזן״ פֿון בראַנזוויל, ווי יענער האָט זיך אַליין געקרוינט מיט אַזאַ נאָמען, און ער האָט חיימ׳לען באַלייטזעליקט מיט גוואַלטיק גרויסע שכירות, פֿאַרגעזאָגט אים אַ גרויסע צוקונפֿט, און דערווייל אים באַרויבט פֿונם ביסל צייט אין די אָוונטן נאָך די לאַנגע אַרבעטס־שטונדן פֿון טאָג.

ווען דער קריזיס איז אַריבער איז שוין חיימ׳ל געווען אַ בחור פֿון



ה. רויזענבלאט — 1910

אַרום פֿערצן יאָר. די פּרנסה ביי די רויזנבליטס האָט זיך שוין אַביסל איינגעשטעלט און ער האָט שוין געקענט אָנהויבן קלערן וועגן אַ שטיקל תּכלית פֿאַר זיך זעלבסט. אַ שטיקל צייט האָט ער געלערנט אין „באַראָן דע הירש סקול" שילדן־מאָלעריי. ער האָט אַפֿילו אַרויסגעוויזן גוטע פֿיי־איקייטן דערצו — עס איז אים אָבער נישט געווען צום האַרצן און ער האָט געוואָלט דערגרייכן עפּעס העכערס.

אין יענער צייט האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן אין ניו־יאָרק די באַרימטע פֿאָרבאַרייטונג־שולן, די „פּריפּערייטאָרי־סקולס", וועלכע האָבן צוגעגרייט אַ גרויסע צאָל פֿון אונדזערע שפּעטערע פּראָפֿעסיאָנאַלן אַריינ־צוגיין אין אוניווערזיטעטן. דאָרט האָט זיך חיימ'ל צוגעגרייט ביז ער איז אַריין אין דער „דזשעמייקע נאָרמאַל קאָלעדזש", צו לערנען פֿאַר אַן ענגלישן לערער. ער האָט זיך געקראָגן אַ צייטונגס־„טעריטאָריע", און יעדן טאָג, פֿון פֿיר פֿאַרטאָג ביז אַכט אינדערפֿרי, איז ער אַרומגעלאָפֿן און האָט צעטיילט זיינע צייטונגען, און דערנאָך אַוועק אין נאָרמאַל קאָלעדזש לערנען.

דאָס האָט אים אָבער אויך נישט צופֿרידנגעשטעלט, און קיין ענג־לישער לערער איז פֿון אים ניט אויסגעוואָקסן. דערפֿאַר האָט ער זיך אָבער שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין דער ענגלישער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין דער פּאָעזיע.

עס איז דעמאָלט געווען דער אויפֿבלי פֿון סאָציאַליזם און אַנאַר־כיזם אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. די אַנטרונענע פֿון פּאָליציי און טורמעס אין רוסלאַנד האָבן זיך שוין געהאַט ווי עס איז איינגעאָרדנט און האָבן אָנגעהויבן פֿאָרזעצן זייער אַרבעט דאָ אויפֿן אָרט. אונדזער יוגנט האָט אַריבערגעטראָגן דעם רעליגיעזן ברען אויף די „איזמען", און מ'האָט געזונגען מיט פֿרומער התלהבות די לידער פֿון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט און מאָריס ראָזענפֿעלד. עס האָט דער יידישער שניידער אויסגעגאָסן זיין האַרץ און דעם צער פֿון זיין שווער אַרבעטן אין שאַפּ, און געפֿונען טרייסט און מוט אין יענע לידער. די „יידישע מלוכה" פֿון איסט בראָדוויי און בראָנזוויל איז געוואָקסן, נייע כוואַליעס אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען און אַ יידיש לעבן האָט זיך געשאַפֿן. חיימ'ל איז אויך מיטגעריסן געוואָרן און האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט. עס איז אַ צייט פֿון שאַפֿן און אַרבעטן און נישט קנעלן. עס איז אַביסל וואול־גאַר, גרילצנד — אָבער עס איז קאַמף, עס שאַפֿט זיך עפּעס. שעקספּיר, בייראָן, שעלי, קיעטס, קאָלערידזש, טעניסאָן, לאָנגפֿעלאָו — זייער גרוי־

סע דיכטער, ריזן — זיי שלעפן אָבער אַוועק פון דער ערד. זיי האָבן קיין אָרט אינם האַרצן פון די אַמעריקאַנער מאַסן נישט פאַרנומען, זייערע לידער זינגט מען זייער ווייניק. אַ קאַלטע וועלט אַרום, אַ פרעמדע. און דאָ איז אַן אייגענע אַרעמקייט, אַ האַרציקע, עס איז וואַרעם — אַ מחיה. מ׳דאַרף מיטשאַפן, העלפן מיט וואָס מ׳קען, דעם אייגענעם טייל צוטראָגן.

חיים׳ל האָט אָנגעהויבן אין דער שטיל צו שרייבן לידער, יידישע לידער.

די גרויסע ענגלישע דיכטער האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף אים, פון זיי האָט ער אַסך געלערנט. פון די יידישער דיכטער — ראָזענפעלד און נאָך מער — יהואש.

ה. רויזענבלאַט האָט שוין געהאַט אַ גאַנץ פיין פעקל לידער אָנגע־שריבן, אָבער צום דרוק זענען זיי נאָך נישט געקומען. צו באַשיידן איז ער געווען און צוריקגעצויגן און צו קיין רעדאַקטאָר האָט ער נישט געהאַט קיין מוט צו גיין און ווייזן. אַ קלייניקייט — אַ רעדאַקטאָר! איבערהויפּט אַ רעדאַקטאָר אין יענער צייט דאָ אין לאַנד — אַ פאַרמאַן אין אַ פאַרטיי אָדער אין אַ שאַפּ — מיט זייער צוגאַנג צו יונגע שרייבער. איז אים אָבער באַשערט געווען און אין „פאַרווערטס״ איז געוואָרן ליטעראַרי־שער רעדאַקטאָר אַ ייד מיט אַסך וואַרעמקייט, האַרציקייט און ליטעראַ־רישן געשמאַק און ניט קיין צו־כשרער פאַרטיי־מאַן — משה קאַטץ (ניט משה כץ). ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאַנואַר 1900 ה. רויזענבלאַטס צוויי לידער מיט איינמאָל. ער, דער ליבער, גוטמוטיקער משה קאַטץ, איז געווען ה. רויזענבלאַטס ליטעראַרישער סנדק, דוד פינסקי איז געווען דער קוואַטער.

גאַנצע צען יאָר זענען אַריבער ביז רויזענבלאַט האָט זיך דערוואַגט אַרויסצוגעבן זיין ערשט בוך לידער. פינף יאָר שפּעטער, אין 1915 האָט דער פאַרלאַג מ. נ. מייזל אַרויסגעגעבן רויזענבלאַטס צווייטן באַנד לידער און אין 1917 אַ צווייטע אויפלאַגע. מ׳האָט רויזענבלאַטן געלייענט, גע־זונגען און געדרוקט באַנד נאָך באַנד, ביז היינטיקן טאָג, ווען מיר האַלטן שוין ביים צענטן באַנד לידער, וואָס גייט אַרויס צום איצטיקן יובילײ.

אין 1916 האָט זיך ה. רויזענבלאַט אַריבערגעצויגן קיין דעטראָיט, וואו ער האָט רעדאַגירט אַ יאָר די „דעטראָיטער וואָכנבלאַט״, אַ יאָרגאַנג פון אַ שיינער ליטעראַרישער וואָכנבלאַט, אין וועלכער עס האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע יידישע שרייבער אין לאַנד און געקראָגן פיין באַצאָלט.

אין דעטראָיט איז רויזענבלאַט זייער באַליבט געוואָרן און מ׳האָט

דאָרט אַרויסגעגעבן זיין דריטן באַנד לידער „אונטער גאָטס הימלען", וואָס האָט אויך זוכה געווען צו אַ צווייטער אויפלאַגע אין „פּאַרלאַג מייזל". דאָרט האָט ער אויך געטראָפן זיין לעבנס־באַגלייטערין מלכה בייער (באַ־יאַרסקי), און האָט חתונה געהאַט אין 1920. גלייך נאָך דער חתונה איז ער אַרויסגעפאָרן מיט איר אויף אַ טור איבער די שטאָטן און קענעדע. געפאָרן איז ער פאַרן יידישן לערער סעמינאַר און עס איז געווען זייער אַ דערפאָלגרייכער טור. אומעטום איז ער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן און ער האָט איבערגעלאָזט פיל פריינט. ער איז געקומען ביז לאָס אַנגע־לעס, און די שטאָט איז אים וואויל געפעלן, און ער האָט זיך דאָרט באַ־זעצט אין אָנהייב פון 1921 און וואוינט דאָרט עד היום.

אין 1923 איז געבוירן געוואָרן זיין געראָטענע בת־יחידה רינה.

אין 1921 ווען רויזענבלאַט איז אָנגעקומען קיין לאָס אַנגעלעס איז דאָרט געווען אַ פיינע יידישע באַפעלקערונג פון אַרום דרייסיק טויזנט. שוין דעמאָלט איז דאָרט געווען זייער אַ שיינע פאָלקס אינטעליגענץ, פאַר זיי איז רויזענבלאַטס באַזעצן זיך אין דער בליענדער און וואַקסנדיקער לאָס אַנגעלעס געווען אַ גרויסע געשעעניש. די אייביק־זומערדיקע, וואַ־רימע און ליכטיקע שטאָט איז וואַרימער און ליכטיקער געוואָרן. די שטאָט איז געוואַקסן מיט דער שנעלסטער טעמפּאָ, מיט איר איז מיט־געוואַקסן די יידישע באַפעלקערונג אין צאָל און אין פאַרנעם, ביז זי איז אויסגעוואַקסן כמעט די דריטע יידישע שטאָט אין לאַנד. אַלע וויכ־טיקע יידישע שטעט זענען געוואָרן ווי אַ טייג פאַר לאָס אַנגעלעס, יעדע האָט געגומען חלה פאַר איר פון שענסטן און פון בעסטן. ה. רויזענבלאַט האָט זייער פיל בייגעשטייערט דערצו, ער איז געוואָרן אַ וויכטיקער נאָמען און אַן אַדרעס. אויף היינטיקן טאָג איז ער דער וואָס ברענגט אַריין וואַ־רימקייט, ליכטיקייט און יום־טובדיקייט אין יידישן לעבן פון דער אייביק־זוניקער שטאָט.



ה. רויזענבלאט — 1923
זיין פרוי מלכה און טאכטער רינה

ה. לייוויק

●

אַ בלאַט אויף אַ בוים

ה. רויזענבלאַטן געווידמעט

●

דאָס אָוונט־גאָלד לעשט אויס זיין שימער
אין בלוילעכן נאַכט־האָריזאָנט.
איך מאַך נאָר איין שפּאַן פון מיין צימער
און ס׳הייבט מיין פאַרוואַנדלונג זיך אָן.

מיט שאָטנס אויף שאָטנס איך קלעטער
אַרויף אויף אַ צווייג פון אַ בוים;
כ׳בלייב הענגען — אַ בלאַט צווישן בלעטער
אין לויטער געלייטערטן רוים.

איך וועלגער זיך אויס אין אַ דינקייט,
איך וואַקס אינעם צווייג זיך אַריין
מיט קילער פאַרטונקלטער גרינקייט
געווענדט צו לבנה׳קער שיין.

איך הענג צווישן טויזנטער בלעטער
אין שותפותער, ריטמישער ריי —
ביז טיף אין דער נאַכט אין דער שפּעטער,
און פלאַטער אינאיינעם מיט זיי.

איך הענג און איך הער ניט אויף טרינקען
פון טיפן אור־שטאַמיקן קוואַל,
ביז וואַנען עס הייבט אָן צו ווינקען
דער ערשטער פאַרטאָגיקער שטראַל.

דער שטראַל, ווען ער צינדט זיך פֿונאַנדער,
דערוויסט מיך אַן אַנדערן שוין:
איך שפּאַן אין זיגזאַגיקן וואַנדער
צוריק איבער זאַמד, איבער שטיין.

איך וואָגל דורך טאָגיקע שעה׳ן,
קריך דורך זייער פֿעלזיקייט קוים —
אַ נס וואָס איך קאָן זיי באַ׳יאַ׳ען
מיט גנאָד פֿון אַ בלאַט אויף אַ בוים.

באַגריסונג פֿון מענדל עלקין

מיין טייערער ה. רויזענבלאַט:

איך הער, אַז איר האָט זיך אַריינגעריסן אין מיינע ביזנעס, נעמלעך, אַז איר זייט געוואָרן אַ בן שבעים און מע „פֿייערט״ איך, ד. ה. — מע „פּראַוועט״ איך אַ יובילײ.

אַי, טייערער חבר, איך בין איך ניט מקנא די דאָזיקע יובל־ביזנעס, און דער עיקר אין די יאָרן . . . איך אַליין האָב זיך אָקערשט קוים אַרויס־געראַטעוועט פֿון דעם.

וואָס, למשל, וואָלט איך אַרן, אַז מע זאָל איך ניט „פֿייערן״ און דערביי זאָלט איר זיין אַ בן שלושים? . . .

ווי איך זע אָבער פֿון די פּובליסיטי־נאָטיצן איז דער ענין זייער ערנסט און עס ווערט איינגעאָרדנט פֿאַר איך אַ יום־טוב.

בכן: איז גוט יום־טוב איך, מיין טייערער רויזענבלאַט. איר און אייערע בני בית און מיר אַלע זאָלן דערלעבן צו יום־טובן אייער הונדערט יאָריקן יובל אין אַ ליכטיקערער וועלט — אונטער לויטערערע הימלען איבערן יידשן גורל. אָ מ ן.

מיט ליבשאַפֿט, אייער מענדל עלקין.

יונג־שעפערישע עלטער

ה. רויזענבלאַט׳ן
צו זיין 70 יעריקן יובילײ

●

פֿון דר. א. מוקדוני

●

עס איז אַ גרויסע זכיה פֿאַר אַ דיכטער ווען זיין עלטער פֿאַרשעמט ניט זיינע דיכטערישע יונגע יאָרן.

אָבער עס איז אַ גאָר גרויסע און גאָר זעלטענע זכיה ווען זיין עלטער פֿאַרשעמט די יונגע יאָרן מיט בעסערע, מיט קערנדיקערע און מיט גע־לייטערטערע לידער.

און אָט די דאָזיקע גרויסע און זעלטענע זכיה איז באַשערט דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, וואָס ווערט איצט אַ בן־שבעים.

ער איז ווי אַ דיכטער, ערב זיינע זיבעציקער, ייִנגער, צאַפּלדיקער און פֿלאַטערדיקער ווי אין זיינע יונגע דיכטערישע יאָרן.

דער געבוירן־יובל פֿון ה. רויזענבלאַט פֿאַלט כמעט צוזאַמען מיט דעם פֿופֿציק־יעריקן יובילײ פֿון זיין ליטעראַרישער שאַפֿונג.

און זיכער איז דער ליטעראַרישער יובל וויכטיקער אי פֿאַרן דיכטער און אי פֿאַר אונדז, זיינע לייענער.

זיין ליטעראַרישער יובל איז, ווי געזאָגט, עפּעס נסימדיק — נאָך פֿופֿציק יאָר שטייט פֿאַר אונדז ממש אַ ייִנגערער דיכטער ווי מיט פֿופֿציק יאָר צוריק.

מיט פֿופֿציק יאָר צוריק איז אונדזער פּראָזע געגאַנגען שטאַרק פֿאַר־אויס. מיר האָבן שוין געהאַט אונדזערע בעסטע פּראָזע־דיכטער: מענ־דעלע, שלום עליכם און י. ל. פּרץ.

דער אויפֿטריט פֿון דער יידישער פּראָזע איז געווען אַ גוואַלדיק אימפּאָנירנדיקער. אין קיין אַנדער שפּראַך אויף דער וועלט איז די לי־טעראַרישע פּראָזע ניט אַרויס אַזאַ פֿאַרטיקע, אַזאַ רייכע און אַזאַ אַנט־וויקלטע.

די יידישע פּראָזע האָט זוכה געווען אַרויסקומען מיט די גרעסטע שריפטשטעלער און מיט די בעסטע סטיליסטן.

די יידישע פּאָעזיע איז אַ היפּש ביסל אָפּגעשטאַנען פון דער פּראָזע. די פּראָזע איז געקומען פריער און האָט צוגעגרייט דעם יידישן לשון פאַר דער פּאָעזיע. זי האָט צוגעגרייט דעם גרויסן שפּראַך־אוצר פאַרן דיכטער.

די יידישע פּאָעזיע איז געווען שפּראַכלעך אָרעם און אומבאַהאָלפן מיט פופציק יאָר צוריק. ווען די פּראָזע האָט אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע שפּראַך־עשירות איז די יידישע פּאָעזיע געווען נאָך שטאַמלענדיק.

די רייכקייט פון דעם יידישן לשון, די וואונדערלעכע פּלאַסטישקייט פון דעם יידישן לשון אין דער פּאָעזיע איז געקומען ערשט מיט צוואַנציק און אפשר מיט דרייסיק יאָר שפּעטער.

איצט שטייען מיר פאַר פונקט אַ פאַרקערטער דערשיינונג, די דיכטונג האָט איבערגעיאָגט די פּראָזע, זי האָט איבערגעיאָגט די פּראָזע מיט שפּראַכלעכער עשירות און מיט מייסטערשאַפט.

מיר האָבן איצט אפשר גרעסערע דיכטער ווי פּראָזע שרייבער. אָפט זעט איר עס בעשיינפּערלעך אין איין שרייבער, אין איין שרייבער, וואָס שרייבט אי פּראָזע, אי דיכטונג, איר זעט אָפט ווי דער זעלביקער שרייבער איז שטאַרקער אין דיכטונג ווי אין פּראָזע.

און פון דעם פּרט — פון דעם יחיד קענט איר גלייך איבערגיין צום כלל.

אויב איר ווילט קענט איר עס האָבן עפּיגראַמאַטיש קורץ — בראשית איז געווען דאָס וואָרט פון פּראָזע, דערנאָך ערשט קומט דאָס וואָרט פון דיכטונג אין אונדזער ליטעראַטור.

ווי צוזאַמענגערעדט, אָדער ווי געפירט דורך אַ פאַרבאָרגענער האַנט, קומען אַרויס מיט זייערע שפּראַך־אוצרות די דריי פאַרשידענע יידישע הויפּט דיאַלעקטן: עס קומט מענדעלע מיטן ליטווישן דיאַלעקט, מיטן פּקחותדיקן און פּרעציזן ליטווישן דיאַלעקט; עס קומט אַרויס י. ל. פּרץ מיטן מעלאָדישן און פאַרביקן פּוילישן דיאַלעקט; און עס קומט אַרויס שלום עליכם מיטן גוואַלדיק באַרעדעוודיקן און אימפּעטיקן אוקראַיינישן יידיש.

און פון אַלע דריי דיאַלעקטן ווערט געשאַפן איין ליטעראַרישער לשון, איין רייכער, מעלאָדישער און אימפּעטיקער ליטעראַרישער לשון.

די יידישע פּאָעזיע איז מיט פופציק יאָר צוריק נאָך געווען אַ המשך פון דער אָרימער בדחנות. די יידישע דיכטונג האָט באַקומען אַן אָרימע

ירושה, וואָס זי האָט געמוזט איבערנעמען און ליקווידירן זי, אָדער באַ־פרייען זיך פון איר ביסלעכווייז, זי האָט באַקומען די בדחנות ווי אַ ירושה.

און דעם בעסטן ביישפּיל, די בעסטע אילוסטראַציע פאַר דעם גע־זאָגטן, וועט איר געפינען אין ה. רויזענבלאַטס דיכטונג. דאָ זעט איר ממש ווי די יידישע דיכטונג רייסט זיך אַרויס פון דער בדחנישער ירושה, ווי זי פאַרלאָזט דעם בדחנישן נאַאיוון און סענטימענטאַלן רעאַליזם און וואַרפט זיך צו אַבסטראַקטן סענטימענטאַליזם, ווי זי ווערט אַבסטראַקט און קערט זיך צוריק פון אירע וואַנדערונגען אַ זיכערע, אַ שטאַרקע און אַ מייסטערישע צום רעאַליזם, צום אמתן רעאַליזם, צום סימבאָלישן רע־אַליזם.

#

די ערשטע זאַמלונג לידער ה. רויזענבלאַטס דערשיינט אין יאָר 1910, דערנאָך דערשיינט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט יעדע פינף־צען יאָר אַ זאַמלונג לידער זיינע.

אין דער גרעסטער זאַמלונג פון 1915, אַרויסגעגעבן פון מאַקס מייזיל אין יאָר 1915, האָבן מיר אי די נייע לידער, אי די אַלטע לידער. קורץ, איר האָט דאָ לידער פאַר גאַנצע פופצן יאָר.

ווען איר בלעטערט דאָס דאָזיקע בוך גלויבט זיך אייך ממש ניט, אַז דאָס זיינען לידער פון ה. רויזענבלאַט, דער דיכטער פון „בלויע פלאַ־מען”, „הרודעס”, „ליים”, „אָדמס קינדער” און „מיין ליכטיקע נסיעה”. איר האָט דאָ נאָך ניט דעם שפּעטערדיקן רויזענבלאַט מיט זיין דיכטע־רישער שאַרפקייט און קלאָרקייט, מיט זיין סקולפּטאָרישער בילדעריש־קייט, וואָס איר קענט ממש אָנטאַפּן מיט די פינגער, מיט זיין שפּעדיקן לשון, מיט זיין זיכערער מייסטערשאַפט און מיט זיין לעבנס חכמה.

ער שרייבט לידער, גוטע לידער, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט גע־פונען. איר הערט ווייטע רייזענישע טענער, איר האָט דאָ עפּעס, וואָס דער־מאָנט אייך מאָריס ראָזענפעלד און איר האָט דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען מאָדע אין דער פּאָעזיע — נאַטור־שטימונגען, שטילע מרה־שחורה, פאַר־הלומטקייט און עלעגישע געמיט־צושטאַנדן.

קום, מיין טייערע, שפּאַצירן
ווי׳הין די זילבער־וועגן פירן,

וו'הין די ווייסע שטעגן ציען.
אומעטום די זעלבע הימלען גליען
און די זעלבע שטערן גליען.

ווייסע בוימער, זילבער צווייגען,
און אַ הייליג ווייסער שווייגן
האַלט די וועלט אַרומגענומען.
אומעטום די זעלבע וועלטן
און די זעלבע ווייסע בלומען.

און אַט האָט איר אַ שפּעטערדיק ליד, דאָס ליד הייסט „מיט דיר":

מיט דיר בין איך
אַ וואַלקן וועלכער קען אַ וויסטעניש באַפרוכפּערן.
אַן אָפּגעריסענער פון דיר —
אַ רעגן טראָפּן אַפּן הייסן זאַמד;
אַ קאַרק אַף די צעררייצטע וואַסערן פון ים,
אַ פּעדעמל טומאַן, אַ קנויטל רויך;
אַ שמעטערלינג פאַרבלענדט פון פלאַם.
מיט דיר בין איך אַ וואַלד אין שטורמווינט,
אַן דיר —
אַן אָפּגעריסן בלאַט אין אָסיענדיקע טעג.
מיט דיר בין איך אַן אָדלער אין דעם ווינט.
אַן דיר —
רעגנוואָרים אינם נאַסן שטויב פון וועג.
מיט דיר בין איך אַ פעלז, אַ באַרג,
אויף וועמענס קאָפּ
די כמאַרעס נידערן אַראָפּ; —
אַן דיר —
אַ קערן זאַמד, אַ פולווער שטויב, געטריבן בלינד,
אין הפקרדיקן שטורמווינט.

צווישן די צוויי לידער ליגט אַ צייט פון 33 יאָר. ה. רויזענבלאַט

איז געווען מיט 33 יאָר ייִנגער ווען ער האָט געשריבן דאָס ערשטע ליד, אָבער אין תוך ייִנגער איז ער מיט 33 יאָר שפּעטער.

די טעמע איז כמעט די זעלביקע, אָבער מיט 33 יאָר שפּעטער איז זי שאַרף, קלאָר און איבערגעלאָדן מיט קראַפט און מיט מענערישקייט.

מיט 33 יאָר פריער איז עפּיס אַ מטושטשדיקע אַכטל שטימונג, וואָס געפינט קוים די פּאַסיקע ווערטער צו באַקליידן זי.

און דאָ איז ניט שייך צו רעדן וועגן איבערברוכן, ניין, עס איז אַסך מער. ה. רויזענבלאַט וואַקסט צוזאַמען מיט דער ייִדישער פּאָעזיע, און ער האַלט אין וואַקסן איצט אויף דער עלטער, אין וועלכער דער מענטש האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו וואַקסן.

ה. רויזענבלאַט איז ממש אַ פענאָמען, אַ זעלטענע דערשיינונג אין דעם פּרט.

ער איז נאַאיוו, סענטימענטאַל און אומבאַהאָלפן מיט דער ייִדישער פּאָעזיע ווען זי איז קינדיש־יונג, ווערט קרעפּטיקער, זיכערער און רייכער אין זיינע דיכטערישע השגות און ער שטייט פאַר אונדז אַ פולבלוטיקער דיכטער, אַ דיכטער מיט פאַרנעם, ווען די ייִדישע דיכטונג קומט צו איר העכסטער מאַטוריטעט.

#

און ווען די ייִדישע דיכטונג הויבט אָן צו פאַרמעסטן זיך אויף גרויסע פּאָעמעס, אויף גרויסע לייוונטן, ווען זי גיט אונדז גרויסע פּאָעמען, קומט ה. רויזענבלאַט אַרויס מיט זיינע „הרודעס" און „ליים".

אַ פּאָעמע, וואָס גיט אונדז דעם אַמעריקאַנעם ייִדן מיט זיין נעכטן אין דער אַלטער היים און מיט זיין יונגן היינט אין דער נייער היים אין אַמעריקע.

נאָכדעם ווי ה. רויזענבלאַט האָט גובר געווען אַמעריקע, לאָזט ער זיך צוריק אַהיים, אין זיין דאָרף, ערגיץ אין אוקראַינע, ער קומט צוריק צווישן די מענטשן, וואָס האָבן אים געבראַכט אויף דער וועלט און מיט וועלכע ער האָט אָפּגעלעבט זיינע פריע יונגע יאָרן.

„הרודעס" זיינען די מענטשן זיינע אין דאָרף, פאַרהאַרטעוועטע ערד, רויע ערד מיט איר אורקראַפט, ערד מיט איר גרויסער פּשטות און מיט איר אייביקייט.

„הרודעס" מיט זייער פּרימיטיווקייט און מיט זייער פּרוכטיקער

שווערקייט, „הרודעס" מיט זייערע שטאַרקע לעבנס־זאַפטן און מיט זייער אָפֿנקייט.

דאָ האָט איר די גאַנצע משפּחה זיינע, אַ משפּחה פֿון האָרעפּאַשנע מענטשן, כסדר מילנער, דער פּאַטריאַרך פֿון דער פֿאַמיליע איז אויך אַ קרעטשמער.

מען איז אָבער ווי יידן פֿאַרבונדן מיט דער שטאָט, אַ טייל פֿון דער משפּחה איז אין שטאָט, אגב פֿאָרט מען אויף ימים־נוראים אין שטאָט.

האָט איר דאָ אַ שפּליטער פֿון אַ שטאָטישער דראַמע: אַ יונג שטאָטיש מיידל, אַ מיידל מיט הייס בלוט דאַרף ווערן אַ מאַמע פֿאַר דער חתונה, שיקט מען זי צו דער שוועסטער אין דאָרף צו באַהאַלטן די שאַנד און צו באַפֿרייען זיך פֿון דער פֿרוכט פֿון זינד.

און דאָ אין דער שטילקייט, ערלעכקייט און ריינקייט פֿון די דאָרף־מענטשן איז די דראַמע נאָך שטאַרקער, בולטער און וויטאָקדיקער.

אָבער מען איז אַריינגעוואָקסן אין דאָרף, מען האָט זיך איינגעלעבט מיטן פּריץ, ביי וועמען מען דינגט די מילן און די קרעטשמע, און די יידישע קינדערלעך, צווישן זיי דער קינפּטיקער דיכטער הערשל, שפּילן זיך מיט שקצים פֿון דאָרף און לערנען תורה ביי אַ ליטווישן מלמד.

אַלץ ווי דער אַלטער שטייגער איז געווען.

אַ גאַנצע משפּחה, אַ פֿאַרצווייגטע משפּחה לעבט אין דאָרף, זי איז איינגעוואָרצלט אין דאָרף, און דאָס לעבן איז פּשוט, ניט קאָמפּליצירט, אַלץ ווי עס איז איינגעשטעלט פֿון קדמונים, די מענער און די פֿרויען זיינען שותּפֿים אין דעם שווער לעבן, און דער זיידע, דער טאַטע, די מאַמע, די פֿעטערס, די שוויגער און שווערגערינס זיינען אין משפּחה, וואָס לעבט צוזאַמען.

ניטאָ קיין טשיקאַווע כאַראַקטערן, ניטאָ דאָ קיין מענטשן מיט שגעונות, מיט ספּעציפֿיש דאָרפֿישע אייגנשאַפֿטן און מיט כאַראַקטער שטריכן, וואָס הענגען ווי לונג און לעבער אויף דער נאָז און וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן.

ניטאָ אַזעלכע, אָבער יעדער איז געצייכנט אויסערסט שאַרף און קלאָר, יעדער איז געצייכנט ערנסט און מיט אַ שטילינקן הומאָר, און ניט צעגאָסן און צעשמירט זיינען די פּאָרטרעטן פֿון די מענטשן, ניטאָ ממש קיין איבעריקער שטריך, ניטאָ קיין צו־געדיכטער פֿאַרבן־פֿלעק.

מיט גרויסן צמצום זיינען די אַלע געשילדערט.

און מיט אַ רייכן און קערנדיקן לשון זיינען זיי געצייכנט, דער דאָרף האָט אַריינגעפּלאָכטן ווערטער פון דעם אוקראַינישן לשון אין דעם זאַפּטיקן ייִדיש, אָבער נאַטירלעך זיינען די אוקראַינישע ווערטער אַריינגעוועבט אין ייִדיש, עס איז ניט מאַטעריאַל פאַר ביליקן הומאָר און פאַר נאָך ביליקער ליצנות. פּשוט — מען לעבט מיט שכנים באַרגט איינער ביים אַנדערן אַ כלי־בית און מען באָרגט אויך אויס אַ וואָרט. שכנים.

און עס וואַקסט פאַר אייך אויס אַ ישוב, אַ דאָרפישער ייִדישער ישוב, איר זעט פאַר זיך יעדן ווי אַ יחיד און איר זעט זיי צוזאַמען ווי אַן עדהלע און ווי אַ משפּחה.

וואָלטן זיי געלעבט אין דאָרף עד סוף כל הדורות. דאָס זיינען געזונטע ייִדישע מענטשן, ייִדישע מענטשן, וואָס יאָגן זיך ניט נאָך גליקן, זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דאָרפישן לעבן און עס איז געוואָרן זייער לעבן.

האָט אָבער רוסלאַנד רעאַקציאָנערע צאַרן און שוואַרץ־מאהדיקע סאַטראַפּן, און דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד גיט זיך אַ רוק פאָראויס אינדוסטריעל.

און בײדע, סיי דאָס רעאַקציאָנערע און סיי דאָס פּראָגרעסיווע גראָבן אונטער די עקזיסטענץ פון דעם ייִדישן דאָרפישן מענטשן.

דער פּראָגרעס ברענגט אין געגנט אַ דאַמף־מיל און נעמט צו די פּרנסה ביי די ייִדישע מילנער, און דער פינסטערער צאַר קומט און פאַרענדיקט די מערכה, ער טרייבט אַרויס די ייִדן פון דאָרף.

און די ייִדישן דאָרף־מענטשן הויבן זיך אויף, וואָרצלען זיך אויס און לאָזן זיך קיין אַמעריקע.

אגב איז שוין איינער פון דער משפּחה פאַרוואָרפן געוואָרן קיין אַמעריקע, קומט ער נעמען אַ היימישע כלה, ער קומט מיטן גאַנצן קנאַק פון אַן אַמעריקאַנער און מיט די צען מאָס רייד פון אַן אויסגעגרינטן.

און די הרודעס, די ערד־מענטשן, קומען קיין אַמעריקע און ווערן ליים, מען קנעט זיי איבער אין אַמעריקע אינגאַנצן.

די הרודעס ווערן ליים, זיי ווערן כסדר געקנאָטן און איבערגעקנאָטן, ווידער געקנאָטן און ווידער איבערגעקנאָטן.

מען טוט צענדליקער מלאכות, מען וואַרפט זיי אַוועק און מען וואַרפט זיך צו אַנדערע.

בלויז איינער, דער ייִנגל הערשל איז ניט קיין ליים. ער וואַקסט

אונטער און ער הויבט אָן שרייבן לידער. ביינאַכט שרייבט ער לידער, און משפּחה געפֿינט אַ פּאַפּירל, באַוויזט מען עס אַ יודע־ספר און יענער זאָגט זיי — אייער זון שרייבט לידער.

פֿאַרשטייען זיי ניט וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין מלאכה.

אָבער סיי־ווי הערשל ווערט אַ דיכטער.

און דאָס איז אונדזער ה. רויזענבלאַט.

#

„הרודעס" און „ליים" איז אפֿשר די בעסטע רעאַליסטישע פּאָעמע אין דער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

זי איז געשריבן מיט געצוימטן פּאַטאָס, מיט געצוימטער באַרעדעווו־דיקייט און מיט געצוימטער דערציילערישקייט.

ניטאָ קיין שפּראַכלעכע, ניטאָ קיין דערציילערישע און ניטאָ קיין מאלערישע איבערגעלאָדנקייט.

אַלץ איז וואונדערלעך באַלאַנסירט, אַלץ איז מיט וואָג און מאָס און אַלץ איז אויף זיין אָרט. ניטאָ אונדזער געוויינטלעכע צעשויבערטקייט, ניטאָ די געוויינלעכע טעכנישע נאַכלעסיקייט און ניטאָ די געוויינלעכע „אין מוקדם־ומאוחרדיקייט".

עס איז דאָ צייטיקע און שטרענגע מייסטערשאַפֿט.

עס איז דאָ קלאָרקייט און שאַרפֿקייט.

עס איז דאָ גוטע לעבנס־חכמה אין דער פּאָעמע, לעבנס־חכמה, וואָס שמייכלט שטיל און קלוג. און דער עיקרשט — עס זיינען דאָ לעבעדיקע מענטשן, לעבעדיקע מענטשן און ניט קיין מטושטשדיקע סימוואָלן, לע־בעדיקע מענטשן און ניט קיין אויסטערלישע כאַראַקטערן, לעבעדיקע מענטשן און ניט קיין שטיקער פּאַטאָס אָן פֿלייש און בלוט.

און ה. רויזענבלאַט אַנטלויפֿט ניט פֿון פּאַטאָס, ער מיידט אים ניט אויס, ניין, ער גיט אים בלויז מיט אַ מאָס, און דער עיקרשט — זוכט אויס דעם ריכטיקן טרעגער פֿאַר דעם.

רבי יאָס, דער זיידע פֿון דער משפּחה, איז אַ פּאַטעטישע געשטאַלט אויף דער עלטער, ווען ער ווערט פֿאַרטריבן פֿון זיין מיל און פֿון זיין דאָרף.

ער איז פּאַטעטיש מיט זיין קאָמפּלוסטיקייט, ער קעמפּט, דער אַלטער יאָס, פֿאַר זיין אָרט און פֿאַר אַ פּאָזיציע אין לעבן.

און ער שטאַרבט פּאַטעטיש, דער אַלטער יאָס, אין מיטן האַוועניש און יאַגעניש נאָך אַ פּאָזיציע, אַ נייע פּאָזיציע אין לעבן, שטאַרבט ער.

יאָ, רויזענבלאַטן וואָלט לחלוטין ניט געשאַט אַביסעלע מער דיכטערישע נאַאיוויטעט, ער איז אָפּט צו קלוג, צו געצוימט און צו פּקחות־דיק, ניט אין דעם געזאָגטן, נאָר אין דעם ניט־געזאָגטן און דעם דורכגעלאָזענעם.

ער איז שוין צו פֿאַרזיכטיק מיט אַ וואָרט, ער איז צו איבערקלייבעריש מיט אַן אויסדרוק, ער איז צו קאַרג אויף פּאַטאָס און צו שטרענג מיט אויסטיילן ליבע צו זיינע העלדן.

דאָס פֿאַרהיט אים גאָר אַסך פֿון צעקראָכנקייט, פֿון צעגאָסנקייט, פֿון סענטימענטאַליטעט, פֿון איבערגעשפּאַנטער באַגייסטערונג און פֿון ווערטער־דרעשעריי, אָבער דאָס דיקטירט אים צו געבן אָפּט פּאַטאָס אין קליינע דאָזעס דווקא וואו עס בעט זיך ממש אַ גרעסערע דאָזע, צו זיין קאַרג אויף אַ וואָרט, וואו קאַרגשאַפּט איז לחלוטין ניט נויטיק.

אָבער איך נעם זיך בפּירוש ניט אונטער צו זאָגן וועלכער רויזענבלאַט וואָלט מיר מער געפּעלן, דער איצטיקער, צי דער, וואָס וואָלט געווען אַביסל אַנדערש.

איך ווייס בלויז גענוי, אַז דער ערשטער טייל פֿון זיין פּאָעמע, וואָס הייסט „הרודעס" איז שטאַרקער און, אויב אירווילט, דיכטערישער פֿון דעם צווייטן טייל, וואָס הייסט „ליים".

אין „הרודעס" איז דאָ פּאַטאָס און באַהאַלטענע, געצוימטע ראָמאַנטישקייט, אין „הרודעס" איז דאָ מער דראַמאַטישקייט, מער פּאַטאָס און מער דיכטערישער שוואונג ווי אין „ליים".

דאָ קען מען אָנגעבן אַ גענויע סיבה. „הרודעס" קומט פֿאָר אין אַ ווייטן אוקראַיִנישן דאָרף און „ליים" קומט פֿאָר אין אַמעריקע.

דאָס איז אַ דערקלערונג, און אַ גוטע דערקלערונג.

דאָס אַמעריקאַנער לעבן, הייסט עס, איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט פֿון פּאַטאָס, פֿון ראָמאַנטישקייט און פֿון דראַמאַטישקייט.

קען די דאָזיקע פֿראַגע שטאַרק דעבאַטירט ווערן. איך, למשל, האַלט, אַז וואו עס איז דאָ לעבן דאָרט איז דאָ פּאַטאָס און ראָמאַנטישקייט.

אין געוויסע ערטער ליגט עס אָפֿן, אַנטפּלעקט און אין אַנדערע ערטער איז עס פֿאַרדעקט און באַהאַלטן און מען דאַרף עס אויפֿדעקן.

איז דאָך דער גורל פֿון אימיגראַנט פּאַטעטיש.

פאַקטיש איז דאָך דער גורל פון דער יידישער יונגער פרוי עלקע, וואָס זוכט און מאָנט איר חלק ליבע, וואָס עס קומט איר, אין דער היים און אין אַמעריקע, און שטאַרבט אין די הענט פון איר געזעצלעכן מאַן באַלד נאָכן געבורט פון אַן אומגעזעצלעך קינד . . . כמעט דאָס, וואָס פּאַסירט אין דאָרף.

פאַקטיש איז דאָך אפילו די גיכע צופּאַסונג פון דעם יידישן אי־מיגראַנט צו אַמעריקע. עס איז יאָ דאָ אַנצוהערעניש אויף דעם אין דעם צווייטן טייל פון דער פּאָעמע, אין „ליים", אין דער צייט וואָס אין ערשטן טייל איז דער פּאַטאָס שטאַרק, און נאָך שטאַרקער איז די ראָמאַנטישקייט.

דער אמת דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז פּאַטאָס און ראָמאַנטישקייט זיינען הפּנים ניט די שטאַרקע זייט פון ה. רויזענבלאַטס טאַלאַנט. זיין שטאַרקע זייט איז סאַטירע און פיינער הומאָר, גוטע כאַראַקטער־מאָלעריי און קלוגע לירישקייט.

#

פאַר דער גרויסע פּאָעמע „הרודעס" און „ליים" דערשיינט זיינס אַ בוך לידער. דאָס בוך הייסט „בלויע פלאַמען". אָבער דאָ שטייט שוין פאַר אונדז דער שפּעטערדיקער ה. רויזענבלאַט.

די לידער זיינען אַמעריקאַנישע טיילוויז, אָבער שוין קריטיש, דער גרינער האָט שוין גאָר גוט צעקייט אַמעריקע.

דאָס ערשטע ליד אין בוך הייסט „אַמעריקע". אינעם ליד ווערט אויס־גערעכנט האַלב איראָניש די עשירות פון אַמעריקע.

אַמעריקע האָט אַלץ, יעדער שטאָט פון די אַכט און פערציק שטאַטן האָט אַ שטיק עשירות און אַלע צוזאַמענגעלייגט איז עס אַ גוואַלדיקע עשי־רות, ער וויל פאַרענדיקן זיין ליד אַזוי:

אויף אונדזערע אַספאַלט־גרויע גאַסן — איינגעקלאַמערט
צווישן כמורנע מויערן־שורות — שרייען, שרייען, שרייען
טויזנטער און טויזנטער אויטאָמאָבילן
פון בראָך אויף טאָג ביז העט
צום סאַמע לעצטן פאָדים שטערן־ליכט.
מיר האָבן קאַבאַרעען, טעאַטערס, קינאָס, רעסטאָראַנען און האָטעלן.

מיר האָבן שיינע פרויען, יונגע פּראַנטן, אַלטע נאַרן,
„רעג־טיים", „דזשעז" און „שימי"־טענץ.
מיר האָבן דיכטער, זינגער, מאלער און אַקטיאָרן,
קריטיקער — גאַלאָר!
מיר האָבן פרעכע דילעטאַנטן, אַלטע פרייליגס,
וועלכע רויכערן ציגאַרעטלעך,
טראָגן מאַנסבילשע בגדים, קורצע.

אָבער ער פאַרענדיקט דאָס ליד גאָר אַזוי:

און דו און איך — קינדער פון אַן אַנדער וועלט —
מיר האָבן אויף די ברעגן פון שיינעם לאַנד
געבויט דאָ אונזער ניי געצעלט.
מיר האָבן לאַנג געוואָגלט און געקומען שפּעט, שוין שפּעט.
נאָר פריי און גרויס איז נאָך דער ברעג
און מאָרגן, מאָרגן נעמט מען בויען נייע שטעט.
און לויטער הענגען וועט דער הימל איבער אונדז
און לאַנגע, לאַנגע וועלן זיך ציען די ווייסע טעג.

דאָ האָט איר סאַטירע צוזאַמענגעוועבט מיט האָפענונג, דאָ האָט איר אַ קלוגן קריטישן שמייכל, וואָס גייט איבער אין אַן אומבאַשטימטער האָפענונג, דאָ האָט איר ניט־דערזאָגט אי דאָס סאַטירישע און אי דאָס פּאַטעטישע.

קהלת האָט זיך דערשראָקן — אָט־אָט ווערט ער סענטימענטאַל.

סענטימענטאַל איז ער ניט געוואָרן, אָבער אַ האָפענונג, ניט קיין קלאָרע, ניט קיין דעפיניטיווע האָט זיך דורכגעריסן דורך דער סאַטירע.

אָט די סובטילע איבערגאַנגען באַמערקט איר אָפּט ביי ה. רויזענבלאַט.

אָבער דאָס שטאַרקסטע ליד אין בוך איז דאָס ליד, וואָס הייסט „עזעקיעל רעסטוס בראַון", „דער פרומער פּאַסטוך פון שוואַרצער סטאַדע שאָף", וואָס וויינט איבערן תהילים ביינאַכט.

ער וויינט, ער וויינט איבערן תהילים:

דערפאַר, דערפאַר וואָס פאַר דעם מויער פון געריכט־הויף שטייט
אַ רויך־פאַרשוואַרצטער טעלעגראַף־סלופּ

אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברוינעם קלאַטשע שטריק.
פֿאַר איין עק שטריק — אַ שלייף,
אין שלייף — אַ בלוי פֿאַרשוואַלענער האַלז;
אַ שוואַרץ־געקרויזטער שאפֿן־קאָפּ אַביסל אויף אַ זייט,
אַרויסגעזעצטע אויגן־ווייסלען, ווי אייטערפֿולע בלאַטערן;
אַן אויפֿגעריסן מויל,
צוויי שורות ברוינע ציין,
אַ לאַנגע צונג, ווי פֿון אַ פֿריש געשאָכטן קאַלב.
— — — — —
— — — — —
זונטיק אין דער פֿרי —
עזעקיעל רעסטוס בראַון וועט אין דעם הויז פֿון גאָט
זיין סטאַדע ציילן און — ס'וועט פֿעלן אים אַ שאָף . . .

בילדערישקייט איז די שטאַרקסטע זייט פֿון ה. רויזענבלאַטס טאַלאַנט.

עס וואונדערט מיר וואָס ער האָט קיין דערציילונגען ניט געשריבן, ער איז דאָך אַ גאַר גוטער דערציילער און אַ גאַר גוטער מאלער.

„בלויע פֿלאַמען" איז אַן אַמעריקאַנער לידער־בוך.

„הרודעס" און „ליים" איז די וויטערדיקע ענטוויקלונג אין ה. רויזענבלאַטס דיכטונג.

דער דיכטער קומט צוריק אַהיים, נאָך לאַנגע, לאַנגע וואַנדערונגען...

ער קומט צוריק, ניט בלויז צו זיין דאָרף, נאָר אויך צום חומש.

צוריק אין יידישן חדר און צוריק צו די היימישע אבות „אָדמס קינדער".

אין „אָדמס קינדער" דערציילט איבער ה. רויזענבלאַט אויף אַ ליכטיקן יידיש מיט „ליכטיקע, פֿירעקיקע, שטעכעדיקע אותיות" אַ שטיק חומש, פֿון דעם וועלט־באַשאַף ביז די לעצטע טעג פֿון יעקב אבינו.

דאָס איז דער וועג פֿון אַלע יידישע דיכטער — מענדעלע איז געקומען צום תנ"ך, און אַזוי אַנדערע.

עס איז דער וועג פֿון יידישן דיכטער, און ה. רויזענבלאַט גייט אויך איצט דעם וועג, וואָס איז דער אָנגעצייכנטער פֿון גורל וועג . . .

זיין „ליכטיקע נסיעה" איבער דער וועלט פֿירט אים אַהיים, און אין דער היים ליגט דער חומש, דער אַלטער חומש, און וואַרט אויף אים.

און ער פֿאַלט צו צום חומש, דאָ איז אַלץ אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט, כאָטש עס איז טויזנטער יאָרן ווייט . . .

יאָ, ער האָט דורכגעמאַכט אַ וויטן, ווייטן וועג אָבער ער איז ניט מיד, ער איז ניט אַנטוישט, ער איז ניט קהלתדיק, ער איז ניט איובדיק און ער איז ניט זיידיש. נייַן, זיין וואָרט איז פֿריש, זאַפֿטיק, יונג און קרעפֿטיק.

זיין ליד איז ווי אַלטער וויין, לויטער, שטאַרק און פֿאַרשיכורנדיק.

#

ה. רויזענבלאַט האָט ניט פֿאַרגעסן די יידישע קינדערלעך אויך, ער האָט אַ געשמאַק קינדיש ביכל, וואָס הייסט „בעבזיק", דאָס לעבן פֿון אַ יידיש ייִנגל, מיט צייכענונגען פֿון שאול ראַסקין.

בעבזיק איז אַ קינד אין דער אַלטער היים, בעבזיק לעבט אַ ליכטיק און וואַרעם לעבן אין זיין גוטער היים, זיין היים איז פֿול מיט ליבע, האַר־ציקע מענטשן, בעבזיקס באָבע אַליין איז אַ שטיק ליכטיקע ברכה אין שטוב, פֿון בעבזיקס מאַמע און טאַטע איז דאָך אָפּגערעדט.

„בעבזיק" האָט אַ גרויסע משפּחה און חברים ווען ער גייט אין חדר, הכלל — „בעבזיק" לעבט אַ פֿול יידיש קינדיש לעבן.

„בעבזיק" האָט אַ באָבעלע:

אין שטוב דרייט אַרום זיך
אַ ליכטיקע באָבע
און שמייכלט און שעפּטשעט
און קלייבט עולם הבא.

אַ קליינינקע איז זי
אַ פֿלינקע, אַ זשוואַווע.
אַ קול פֿון אַ גלעקל,
אַ גאַנג פֿון אַ פּאַווע.

צוויי אויגעלעך האָט זי
ווי שטערנדלעך ריינע,
וואָס שמייכלען און וויינען
ביים צאינה־וראינה.

צווי הענטלעך האָט זי
ווי ליאַלקעס, ווי טאַקן,
וואָס העפּטן און שטריקן
און צירעווען זאַקן.

בעבזיק און די באָבע זיינען די בעסטע פריינט:

און בעבזיקן איז אויך די באָבע געפעלן:

דער עיקר די ברילן,
דער האַלדז מיט די קרעלן,
און באָדט אים די באָבע,
איז ער זיך מחיה!
די הענטלעך אירע
אַזוינע געטריע.

און אַ מאַמע האָט ער, און אַ טאַטן האָט ער, און שפּעטער אַ שוועס־טערל, און פעטערס און מומעס, אַ חבר ניסעלע, און רביים האָט ער, און ער לערנט.

ביז עס קומט אַ פּאָגראָם אויפן שטעטל, און דער טאַטע און די מאַמע לאָזן זיך מיט בעבזיקן און זיין שוועסטערל פייגעלע קיין אַמעריקע. די באָבע? די באָבע איז שטיל געשטאָרבן שוין לאַנג, לאַנג . . .

און וואָס מיט בעבזיקן איז געוואָרן אין אַמעריקע, פאַרשפּאָרט אייך ה. רויזענבלאַט צו דערציילן, איר ווייסט עס אַליין . . .

און נאָך צווי קינדער־שפּילן האָט ה. רויזענבלאַט געשריבן, איינ־פּאַכע, שפּילעוודיקע קינדער־שפּילן.

„בעבזיק" און די צווי אַנדערע קינדער־שפּילן זיינען ניט קיין טי־פּישע קינדער־ליטעראַטור. „בעבזיק" איז אַ פּאָעמע פון דעם געבורט און דעם לעבן פון אַ יידיש קינד אין דער אַלטער היים, ביז עס מוז נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און לאָזן זיך מיט זיינע עלטערן זוכן אַ זיכער אָרט אויף דער גרויסער וועלט.

„בעבזיק" איז אַ לייכטע, שפּילעוודיקע און פול מיט גוטן הומאָר קינדער־פּאָעמע.

די צוויי קינדער־שפּילן זיינען שוין מער קינדער־ליטעראַטור, דאָ האָט איר שוין די געוויינלעכע קינדער ליטעראַטור בלויז מיט מער טאַ־לאַנט געשריבן.

#

מיט ניין לידער־ביכער האָט ה. רויזענבלאַט באַרייכערט די יידישע דיכטונג.

און זאָל עס ניט אָנגענומען ווערן ווי אַ מליצה, אָדער ווי אַ שאַבלאָן וואָרט. ה. רויזענבלאַט האָט באַרייכערט פּשוטו כמשמעו די יידישע דיכ־טונג מיט ניין ביכער, די יידישע דיכטונג האָט באַקומען אַ טייל פון איר וואָגיקייט דורך די ניין ביכער.

און ה. רויזענבלאַט האָט אונטערגעטראָגן די דאָזיקע מתנה דער יידישער דיכטונג אָן טאַצן־קלאַפּעריי און פויקן־פּויקעריי.

עס איז דאָ אַ צניעותדיקייט אין דעם אופן פון ה. רויזענבלאַטס טע־טיקייט ווי אַ שרייבער, אָדער עס וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ מין אַריסטאָקראַטישקייט אין זיין טעטיקייט ווי אַ דיכטער. איר זעט אים ניט אויף אונדזערע ליטעראַרישע יאַרידים און איר זעט אים אויף קיין ליטעראַרישן אויפגעלאָף.

ער גייט ניט אַרום אַלע טעג פון וואָך אין אַ דיכטערישן שטריימל.

ער זיצט ווייט, אין דער שיינער קאַליפאָרניע, און יעדע פינף, אָדער צען יאָר טראָגט ער אונדז אונטער שטיל זיין גוטןביישטייער צו דער יידי־שער דיכטונג.

ער שטעלט עס ניט אַרויס ווי קיין נסים, ווי קיין איבערראַשונגען פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע . . .

ער איז דאָך איינער פון די „הרודעס", וואָס פּשטות ליגט אין זיין בלוט . . .

מיאַמי ביטש, דעם 19טן יאַנואַר, 1948.

ל. פײנבערג

•

דער גײער

ה. רויזענבלאַט, מײן אוקראַיִנישן
לאַנדסמאַן צו זײן 70־טן געבוירנטאָג

•

שטײט אַ שטוב אינמיטן פעלד,
ווי אַ גרײַז, געבויגן,
וואַרפט זי ליכטער אין דער וועלט —
שטערנדיקע אויגן.

ס'האָט זי ווער אַוועקגעשטעלט,
ווי אַ שטומען היטער,
שיצן גײער איבער וועלט
פון אַ בײז געוויטער.

שפּאַנט אַ גײער אין דער נאַכט,
יאָגן אים געשפּענסטער.
פּלוצים זעט ער: נאָנט בײם שליאַך
לויכטנדיקע פענצטער.

הויבט ער אויף די אויגן פרום:
— „דאַנקען אים און לויבן!" —
לאָזט זיך גײן מיט שטילן ברום
צו די העלע שויבן.

קומט דער גײער שטיל אַרײַן,
וואַרעמט־אָן די בײנער.
זעט ער: גרײט איז שפּײַז און ווײַן
נאָר עס וואוינט דאָ קײנער.

איז ער טועם בלויז אַ לעק,
ווערט ער זאַט און זעטער.
לאָזט ער ווייטער זיך אין וועג
מיט אַ לויב צום רעטער.

גייט ער אין דער נאַכט אַריין,
מולד ווערט אַלץ בלייכער.
קוקט זיך אום: ניטאָ קיין שיין,
און פֿון שטוב קיין זכר.

הויבט ער פֿרום די אויגן אויף:
— „גרויס איז, גאָט, דיין וואונדער!" —
שפּאַנט ער ווייטער באַרג־אַרויף
לעבעדיק און מונטער.

פון אוקראַינישן סטעפּ צו דער אַמעריקאַנער פּרייריע

●

פֿון יואל ענטין

●

א. אַן עטאַפּ

אָנגעהויבן שרייבן האָט ה. רויזענבלאַט, כ׳האָב מורא, אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל „אין הויזקעס״, און איז נאָר וואָס געווען געקומען קיין אַמעריקע און אַריינגעפֿאַלן אין דער ייִדישער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטיש־יוניאָניסטישער הייס־קאָכיקער פּראָפּאַגאַנדע־וועלט. איז גוט, וואָס אַרויסגעבנדיק זיין ערשט בוך „געזאַמלטע געדיכטע און לידער״ (אין יאָר 1915) איז ער שוין געווען געבוג מבין אויף זיך אַליין אויסצולאָזן יענע ערשטע הויך־טענערדיקע פֿערזן. אנשטאָט דעם האָט ער אָנגעפֿילט דאָס בוך מיט לידער (כ׳גלויב די מייסטע זיינען פֿון יאָר 1906 אָן געווען געדרוקט אין דעם דעמאָלט אָקאָרשט־באַשאַפֿענעם „אידישער קעמפֿער״) פֿון דער נאַטור, פֿון יוגנטלעכער בענקשאַפֿט און ליבע און פֿון זיס־האַרציקע זכרונות פֿון זיין היימישער אוקראַינע. אויף פֿיל לידער האָט שוין געשוועבט אַ הויך פֿון בענקענדיקער, אפֿשר טאַקע נאַציאָנאַלער ייִדישקייט. אין אַ צאָל לידער פֿון דעם מין האָט זיך געשפּירט דער פֿליגל־געפֿאָך פֿון די גרויסע פֿון דער צייט — מאָריס ראָזענפֿעלד און יהואש. אין אַ קלענערער צאָל לידער, פֿאַנטאַסטישע, האָט מען געפֿילט די השפּעה פֿון די ענגלישע קלאַסיקער: סעמיועל טעילאָר קאָולרידזש, עדגאַר עלען פּאָו און אָסקאַר ווײַלד.

די לידער זיינען געווען ביז גאָר פֿריש, געפֿילפֿול, פֿול מיט פֿאַרב און קלאַנג. (דאָס לעצטע דאָ און דאָרט אפֿשר שוין אַ קווינט אַזוי פֿול אַז עס איז געשטאַנען אויף משקולת צו ווערן זיסיק.) בכלל, וואָס שייך

די אַלטמאָדישע פּאָעטישע טוגענדן — ווי איך האָב אין יאָר 1917, אין מיין רעצענזיע אין „אידישן קעמפער" באַצייכנט די גרונט־עלעמענטן פון פּאָעטישן שאַפן — איז דאָס בוך פאַרנעמעריש. אָבער, פון דער אַנדער זייט, הגם עס איז געווען רייכלעך אין באַשטימטער עמאָציע, איז עס אָבער געווען אָרעמלעך אין דער ווייניקער באַשטימטער שטימונג. מיט אַנדערע ווערטער קען עס אויך הייסן, אַז דעם ליריקערס ליריזם איז ניט געווען גענוג אויסגעצייטיקט. אויך האָט די איינצלנע שורה ניט תמיד אימפּאָנירט מיט פּאָעטישער ווערדע. באַרגנדיק אַן אויסדרוק פון דער שריפטזעצעריי, קען מען זאָגן אַז דער פערז איז ניט אַלע מאָל געווען גוט אויסגעפילט.

אין איינע פינף יאָר אַרום, אין 1920, בשעת ה. רויזענבלאַט האָט געוואוינט אין דעטראָיט, האָט דער אָרטיקער שלום־עליכם צווייג (104) פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן זיין צווייטע ליד־דער־זאַמלונג „אונטער גאָטס הימלען". יאָרן בלויז פינף און לידער, מייסטנס קלענערע אָבער עטלעכע גאַנץ גרויסע, גוטע צוויי־הונדערט־און־פופציק. איז אודאי שפירט זיך דאָ און דאָרט אַ לויזקייט, אַן אָפּגעכאַפּט־קייט. דאָך לאָזנדיק אַן אַ זייט די קאָנסטרוקציע, איז דער ליריזם, דער עצם ליריזם, אימער פאַרטיפטער, אַ טיפער דורכגעפּיבערטער, די בענק־שאַפט־מעלאַנכאָליע אַ מער זיס־ווייטאָקדיקע.

געפינען מיר אין בוך — איך ציטיר כמעט ווי אויף טראַף — אַזאַ לידל ווי „דו ביסט שולדיק":

דו ביסט שולדיק אין מיין טרויער —
איז דערפאַר דער טאָג אַ גרויער
און דער הימל אַזאַ ברודנער
און אין גאַס די מענטשן בייזע
און דער רעגן אַזאַ נודנער . . .

דו האָסט מיר מיין האַרץ פאַרביטערט:
צאַנקט דערפאַר דאָס ליכט און ציטערט
און דער זייגער ציט צעקראַכן
און מיין שאָטן מיר אַנטקעגן,
זיצט די גרויע הענט פאַרבראָכן . . .

און אַזעלכע פּערזן ווי:

איך וואַנדל און וואַגל אויף הונדערטער וועגן
און ווער נאָר עס קומט מיר אין וואַנדער אַנטקעגן,
באַקוק איך און פֿרעג זיך מיט ציטערנדיקע ליפּן:
„ביסטו דאָס?“
ווי לאַנג וועל איך זיפּן און זיפּן
דעם שטויב וועלכער ליגט אויף די וועגן צעשאָטן?
און זוכן צי האָבן צומאָל ניט געטראָטן

אויף אים דיינע פּיס און צי איז ניט פֿאַרבליבן
דיין וואַגלעניש ערגעץ אין אים וואו פֿאַרשריבן.
מיט וויפֿיל האָב איך זיך אין וועג שוין באַגעגנט,
מיט וויפֿיל געגריסט און מיט וויפֿיל געזעגנט.
געמיינט, אפֿשר וועל איך פֿון וועמען דערגיין,
אַז ער האָט דיך ערגעץ באַמערקט צי געזען“.

פּינקטלעך ווי אַ זייגער איז, אין פֿינף יאָר אַרום, דורך אַ גרופּע לאָס אַנדזשעלעסער פֿריינט, אַרויס ה׳ רויזענבלאַטס דריט בוך „בלויע פֿלאַמען“. אַ גאַנץ אינטערעסאַנט לידער־בוך, אויף אַ רעאַלן הינטער־גרונט, אָבער מיט פֿאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישע קווייטן אויסגעהאַפּטן. די אָנ־געקוואָלענע לידער גיבן אַ וויטלעכן אויסבליק אויף די גרויסע און קלע־נערע פּאַסירונגען אין די פֿינף־זעקס נאָך־מלחמה יאָרן ווי קריזיס, רע־וואָלט אין די מוחות פֿון די מאַסן און אויך אַן איינבליק אין די איבער־לעבונגען פֿון דעם דיכטער, ווי אַ רייזע אין קאַנאַדע און די פֿאַרצערט־לעכונג פֿון לעבן דורך דעם געבורט און וואוקס פֿון אַ טעכטערל. דער דיכטער עקספּערימענטירט אויף פֿאַרשיידענע נייע געביטן, מיטן רעזול־טאַט, דאָס כאָטש עס לאָזט זיך ניט געפֿונען ריידן פֿון קיין אַלגעמיין־זיכע־רער פֿאַרנאַסישער עליה, געפֿינט זיך דאָ אָבער אַ בפֿירושע באַרייכערונג פֿון שפּראַך („שוואַרצע קאַראַוואַנען“), די פֿרייד מיט אַ נייעם לאַנד („סאַס־קאַטשעוואַן“ און ״פּיאָנערן־לאַנד“), אַ מער באַהאַרצטע פּאַרטיפֿונג אין פֿאָלקס־טאָן („דאָס ליד פֿון פּראָסטאַק“) און אַ צוזאַמענשפּיל מיט דער קינדערשער נאַטור („מיין טעכטערל רינה“). אפֿשר אָבער דאָס סאַמע

וויכטיקסטע — די אויספּילונג דערפון וואָס איך האָב פריער טיילווייז פּאַר אַ חסרון געהאַלטן — די אַנהויכונג פון שטימונג אויף דער אויבער־פלאַך פון געפּיל. אינם ליד וואָס איך ציטיר דאָ (אָבער ליידער ניט אין די אַנדערע לידער פון דעם מין) דערהויבט זיך עס כמעט צו פּאָלקאָמענקייט:

א נבואה

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים: —
אַ שיף איז אָפּגעשוואומען.
זי איז אַוועק אין וויטן ים
און וועט צוריק ניט קומען!

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים
די ווייסע זעגלען שפּרייטן
זיך אויס אין ווינט. אַ וואָלקן קומט
די שיף צום ים באַגלייטן . . .

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים.
די שיף פאַרגרויט אין וואַסער.
די מאַסטן בלאַנקען, וואַנקען ווייט
די זעגלען — בלאַסן בלאַסער.

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים.
די שיף — ווייט, ווייט פאַרשוואומען:
זי איז אין וועג און וועט צום ברעג,
וואוהין זי שווימט — ניט קומען.

שרייבנדיק און דרוקנדיק אין פינף־יאָריקע ציקלען, וואָס איז שוין ביי ה. רויזענבלאַטן און זיינע לאָס אַנדזשעלעסער פריינט געוואָרן אַ מין טבע, זיינען אין די יאָרן 1930 און 1935, דורך דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, אַרויס דאָס צווילינג־בוך „הרודעס” און „ליים”. דער צווילינג שטאַמט פון דעם פאָעטס אוקראַינישן דערפל און דער סביבה. מיר האָבן דאָ דעם דיכטערס נאָענטסטע משפחה און זיינע

וויטערע קרובים, געזונטע, יונגע דאָרפֿס־יידן, מיט זייער מגושמדיקער אָבער איינגעהאַלטענער פֿרייד, מיט זייער טיפֿן, הגם ניט ראַפֿינירטן ווײ. געזונטע, צו דער ערד צוגעפּלעטשטע מענטשן מיט געזונטע, איינפֿאַכע אויל־פֿאַרבן געמאָלן. אין די הערצער און געמיטער פֿון די מענטשן ברוי־עט זיך אַ טראַגעדיע. עס קומט דער געראַנגל פֿון די פֿאַקטאָרן — יוגנט, גויאישע סביבה, די נייע צייטן — און די פֿאַמיליע מוז עוקר זיין קיין אַמעריקע. אונדזער ליריקער ווערט אַן עפּיקער, און ער דערציילט די מעשה אַזוי זיכער און לויטער, אַז עס נעמט באַלד פֿאַרדריסן, פֿאַרוואָס האָט ער דעם דערציילערישן טאָן אַזוי לאַנג פֿאַרבאַהאַלטן אין זיך אינע־ווייניק. עס דאַכט זיך, אַז ה. רויזענבלאַט האָט זיך מתקנא געווען אין זיין חבר און צייט־חבר י. י. שוואַרץ און זיין „קענטאָקי". און, אין אמתן, אויב מיר גיבן דאָך „קענטאָקי" דעם פֿאָרצוג, איז עס דער עיקר נאָר מחמת דער נעגערש־וויסער־דרומדיקער ראָמאַנטיק וואָס וויקלט יענע עפּאָפּייע אַרום און דעם שוואַרציש־רבניש־מחשבהדיקן מעדיטירן וואָס שוועבט איבער איר. אָבער וואָס איז שייך דעם אין פֿאַרביקע בייטן צע־שניטענעם גרונט, דעם גרונט אַליין, טרעט ער דעם וועג קיינעם ניט אָפּ. אין צוויטן צווילינג, „ליים", האָט ה. רויזענבלאַט קענטיק מיט פּאָעטישע סאַנדאַלן געוואָלט איבערטרעטן די ערד, וואָס די ערשטע אימיגראַנטן־שרייבער, ליבין און קאָברין, האָבן אין זייערע פּראָזע־שילדערונגען און דערציילונגען איבער איר געבראָדזשעט.

ה. רויזענבלאַטס דאָרפֿס־יידן ווערן אין אַמעריקע אַרבעטער, פּעד־לער, דזשאָנק־הענדלער. ביי אַנדערע ברענט דער „ריעל עסטייט בום". נחמן ווערט אַ ברענענדיקער סאָציאַליסט, און

„דאָס פֿייער נחמנ׳ס — ווי אַ רויטער בעזעם קערט, פֿון ברעג
ביז ברעג,
די שטעט און דערפֿער איבער גאָר דער שטח פֿונם לאַנד.
ניטאָ פֿאַר אים קיין אָפּהאַלט, ווי עס איז ניטאָ
קיין אָפּהאַלט פֿאַר די שטורעמדיקע כוואַליעס פֿונם ים . . .
און נאָכדעם טרייסט זיך נחמן, ווי דער בעזעם וועט פֿאַרקערן
מיט זיין בראַנד
די דערנער און דאָס ווילד־גראָז וואָס פֿאַרשפּרייט אויף אונדזער
ערד דעם סם,
וועט אויפֿבליען אונדזער לעבן — אַ גן עדן פֿאַרן גאַנצן
מענטשן־שטאַם.

ווי אַ קליינער „אָנוואָרף" אָדער אַ קינדערשער „ווישקראָביק" צום „צווילינג" איז אין עטלעכע יאָר אַרום געקומען דאָס קינדער־ביכעלע „בעבזיק", אַרויסגעגעבן פֿון צענטראַלן שולן־קאָמיטעט פֿון יידיש־נאַצי־אָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד. „בעבזיק" איז דאָס אוקראַיניש זינדעלע פֿון ה. רויזענבלאַטס פֿעטער אָדער טאַטן. אפֿשר איז ער טאַקע ה. רויזענבלאַט אַליין. וואַקסט דאָס זינדעלע אויף ביים פּאָעט, אין דער דאָרפֿיש־טייכיש, וואַלדיקער סביבהלע, אין ווינט און רעגן און וואַרעמע זון־שטראַלן, ביים גערטל און פֿעלד און פֿרילינג־קנאָספּן און מיט חומש, און „שוואַרבע" מעשיות אַרומגעוועבט, ביז עס וואַקסט אויס און ווערט אַ בחורל און עס קומען די נייע צרות און עס קומט אויך אַ פּאָגראָמל און אויך דאָס בחורל מיט זיין פֿאַמיליע מוזן אויסוואַנדערן. רויזענבלאַט הויבט אָן זיין געשיכטעלע גאַנץ פֿרי, נאָך פֿאַר בעבזיקס געבוירן־ווערן. קומט, צו באַאָבאַכטונג און טונקעלע זכרונות, נאָך צו פֿרי־באַגינענדיקע פֿאַנטאַזיע. איז „בעבזיק", אַרום און אַרום, אַ קליין קינדערש פֿערזן־ביכל, ריין, שיין, וואָר און חלומדיק, זוניק העל און לבנהדיק־שימערירנדיק. וואָלט עס נאָר אַ בעסער מזל אינם אָפּגאַנג געהאַט.

ב. פֿון שפּעטיקן שייער

„מיין ליכטיקע נסיעה". צו זעכציק יאָר זינגט ה. רויזענבלאַט ווי־דעראַמאָל די אַלטע היימיש־אוקראַינישע מאָטיוון. דאָס זעלביקע טייכל און דער זעלביקער ברונים. די זעלביקע מיל און דער זעלביקער ראַבי־נעָן־בוים. נאָר דער זינגער איז אַן אַנדערער. ניט מיד איז ער, נאָר באַרוט, פֿאַרטראַכט. צער — פֿאַרווייקט אין זכרונות, געלייטערט אין ווייס־ראָזעווען פֿאַרנעמען. אַן עפּל מיט זון־טראָפּנס באַשפּריצט. אַ לעבן אין אַ דורכזיכטיקן שלייער־פּירוש איינגעהילט.

זיצט דער זעכציק־יאָריקער אוקראַינער יינגל, פֿאַרנאַכט, אויפֿן פּריזבע און האָרכט אַלטע האָרכונגען און חלומט איבער אַמאָליקע חלומות.

די זעלביקע שורות, נאָר איצט שוין גאַנץ צייטיק. צעקלינגען זיי זיך ווידער, אָבער מיט אַ געצאַמטן קלאַנג. ליכטיק זיינען די פֿערזן, ליכ־טיק, מיט אַ גלאַנץ אַפֿילו, אָבער אָן אַ בלישטש. קלאָר די ווערטער, קלאָר און באַטעמט און אָנגעלאָדן.

פֿערזן אויף זכרונות געקנאָטן, מיט מחשבה פֿאַרהויכט, מיט שטי־מונג באַשפּונען.

שורות גוט אויסגעפּילטע ווי אַ זאַפּטיקער זאַנג ווייץ, אַ ריטם וואָס גאַלאָפּירט האַפּערדיק־ווירדיק.

זינגט דער זעכציק־יאָריקער אוקראַינער יונג פון זיינע דאָרפישע אבות, זעענדיק זיי דורכן שיין און שימער פון ליכטיקער פאַרגענגלעכקייט:

איך בין דיין זון, דעם מילנערס זון
און פראָסט ווי דו און דיינע . . .

איך בין דיין פלייש און בלוט און קען
פון דיר זיך ניט באַפרייען.
דאָס לעבן מיינס — אַ וואַסער־מיל
דאָס ליד מיינס — ברויט מיט קלייען.

מיין מאַמע — פון אַ שטעטלשער
פאַראָרעמטער משפחה;
איז קלוג און שיין; וואוילקענעוודיק
נאָר — ווינציק מזל־ברכה.

דאָס דאָרף, די דאָרפסלייט קען זי ניט
כאָטש סובל זיין אַביסל:
מען עסט מיט לעפל הילצערנע
און אַלע פון איין שיסל.
מיין באָבע האָדל איז געווען
אַ פרומע און אַ שטילע . . .

צו אַכציק פלעגט זי נאָך אַליין
אַ דייזשע ברויט פאַרקנעטן,
און אויפגיין פלעגט דאָס טייג ווי שוים
און ברויטעלעך — בוקעטן!

וואָס איז אַ שטימונג־ליד? עס איז אַן אַלטע סלאַווישע „דומע”, אַ רעיון פון דער ערד אַרויסגעאַקערט, אַ מחשבהדיקייט פון בינען אָנגעזומט. אַ קינעלע־פּייערל פון פריפּעטשיק אַראָפּרויכערנדיק.

און אַזוי זינגט דער אַלט־יונגער אוקראַינער:

אַ טיש. אַ פֿלאַש. אַ גלאָז.
אַ זשיפּענדער ציגאַר — . . . . .
עס קוקט די בעלמע אַש,
דורכן דינעם רינגל זשאַר —

דאָ ערשט געווען אַ גאַסט.
פֿאַרווײַלט אַ קנאַפּע שעה —
געלאָזט דרײַ זאַנגען רויך —
געווען און — איז נישטאָ.

דער אידילישער טאָן קלינגט, צום טאַקט פֿון דער גיטאַר אָדער גאָר פֿון דער מאַנדאָלינע. שעפּט אים אונדזער דיכטער אַרויס, אויפֿן וועג צוריק צום דאָרף, פֿון דער היימישער אָזערקע ביי דער הרעבליע, פֿון דער קרעניצקע אויפֿן אַראָפּ־באַרג. איז עס אָבער ניט דער טאָן פֿאַרן ווייט זיך אָוועקשפּרייטנדיקן טראַקט, פֿאַרן היסטאָרישן פּאַרק. ניט דער טאָן ביים פֿייערלעכן ראַנדעוואו. די פּאַראַדנע אָדע איז דאָ מער אָם פּלאַץ. קומט דאָ די פֿאַרבענקטע פֿלייט, דער ברומענדיקער וויאָלאָנטשעל, דער סאָליד־מעטאַלענער ריטמוס, דער גוט־פֿאַרבונדענער קלאַנגפֿול־נאָבעלער פֿערז:

ד ע מ ע ר ו נ ג

עס פֿאַלט אַ בלויע דעמערונג. אָ, שיינע שטמעוודיקע פֿרוי!
דער אויגנבליק, אויף וועלכן כ'האָב אַ לעבן־לאַנג געוואַרט . . .
עס פֿאַלט די בלויע דעמערונג און דו ביסט וואונדערלעך און שיין.
ווי מאַט עס ציטערט אין דער טונקלעניש דיין וואַרעמער פּראָפֿיל.
די אויגן דיינע — זע איך קוים . . . און גוט איז, גוט אַזוי!
די באַקן דיינע רויטלען זיך אודאי, ווי עס פּאַסט דער
צנועהדיקער פֿרוי . . .
די ליפּן דיינע, פֿיל איך, זיינען גלוטיק, פֿול און רויט
ווי קאַרמעזין:
דיין ווייסע האַנט — דאָס זע איך — וויגט זיך אויף דיין בוזעם,
ווי אַ לאָטוס־בלום
ביים ברעג פֿון שטילן טייך, אין זילבערנעם לבנה־שיין,
דורכזיכטיק, ציטערדיק און דין.

ג. די פריירי און אירע לייט

„די ליכטיקע נסיעה" דאַרף משמעות סימבאַליזירן דעם פּאָעטס רייזע צוריק אין צויבערלאַנד פֿון דער קינדהייט. פּאַסט זיך דער נאָמען אָם בעסטן צו איינער אָדער צוויי פֿון די אַכט אָפּטיילונגען, וואָס דאָס בוך איז אין זיי איינגעטיילט. אַלע האָבן זיי ווערטפֿולע און שטימונג־פֿולע לידער, און אין אַלע טאָגט דאָ און דאָרט אויף די גרויסע, די נאָ־בעלע שורה. איך שטעל זיך אָבער אויף זיי ניט אָפּ. אפֿילו ניט אויף דער אָפּטיילונג „מאָנונג", וואָס איז דער אויסגוס פֿון אונדזערע יידישע נייע „יענע טעג".

אויך אויף יענער אָפּטיילונג שטעל איך זיך ניט אָפּ. זיי צייכענען זיך ניט אָפּ, נישט אין זיך אַליין און אויך ניט לגבי דער גרויסער צאָל לידער פֿון דעם יאָמער־מין, וואָס מיר באַגעגענען אין בוך און אין פּע־ריאָדישער שריפֿט שוין אַ גוטע און אַ פֿינצטערע פּאָר יאָר. אמת, עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז כאָטש אַ טייל פֿון דער ניט־צופֿרידנשטעלנ־דיקייט פֿון די לידער שטאַמט גאָר פֿון אונדזערע צו גרויסע דערוואַר־טונגען פֿון לידער פֿון דעם סאָרט. מיר אַלע טרעטן צו זיי צו זוכנדיק דאָס גרויסע. אונדז אַלעמען באַמבלט זיך מן הסתם, באַוואוסטזיניק אָדער ניט, היינעס וואָרט, אַז פֿאַרן גרויסן אָרון מוז אַ גרויסער קבר זיין. בכלל דוכט מיר, אַז ה. רויזענבלאַט איז זעלטן דער דיכטער פֿון דאָס אָנלויפֿנ־דיקע, פֿון דאָס צייטלעכע. ער איז גיכער דער דיכטער פֿון דאָס איינגע־שטאַנענע, פֿון דאָס איינגעשטעלט־אָפּגעזעסענע, פֿון דעם וואָס ביי אים איז איינגעוואָרצלט און אויסגעוואָקסן.

געפֿין איך, אַז דאָס בעסטע אין בוך, נאָך „דער ליכטיקער נסיעה", דאָס בעסטע און אויך דאָס זיך אויסצייכענענדיקע, זיינען די לידער וואָס דאַרפֿן טראָגן דעם טיטל „די פריירי און אירע לייט". די וייטערע מיטל־וועסט און די וועסט אַליין זיינען דורך צענדליקער יאָרן וואוינערשאַפֿט און וואַנדערשאַפֿט געוואָרן רויזענבלאַט'ס צווייטע היים. האָט ער גענוג איינגעאָטעמט די אַמעריקאַנער פריירי־לופֿט און ער האָט זיך גענוג דורכ־גענומען מיט די טיפֿן און דאָס טיפּישע וואָס זי גיט אַרויס.

די פריירי־לופֿט. מענדעלע מוכר ספֿרים האָט אַמאָל, אַמאָל גע־פֿרעגט: „רבונו של עולם, וואָס ליגט אַזוינס אין דיין האַרטער באַנק אין בית־מדרש, אַז דער וואָס נעכטיקט אויף איר איבער אַ נאַכט מיט דעם

קולאַק צוקאַפּנס שטייט דעם אַנדערן טאָג אויף עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי ניי־געבוירן?" ענלעך קענען מיר אויסגעוואָרצלטע און צו־געפּלאָנצטע פרעגן: דו שר של רוחות און פליינען, וואָס ליגט עס אַזוינס אין דיינע סטעפּעס, אין דיינע אומענדלעכע טראַקטן פון טעקסאַס, למשל, וואָס דער וואָס אָטעמט עטלעכע טעג אָפּ מיט זייער לופט, וואָס זעטיקט אַן זיין אויג מיט זייער לאַנדשאַפט קען זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן, און אימער ציט אים צו זיי ווידער? זיינען עס די באַזונדערע מענטשן? ליגט עס אין עפּעס אַ מין ניט־דערכאַפּטן כישוף אין קלאַנג פון דער שפּראַך? ליגט עס אין די ספּעציפישע באַלאַדעס און לעגענדעס וואָס ווימלען דאָרטן? אָדער טאָקע אין דער באַזונדערער מאָנאָטאָנער שענקייט פון דער לאַנדשאַפט, אין איר זיס־אומעטיקלעכן קאָליר?

פון אַלע אונדזערע פערזן־דיכטער, דאַכט מיר, האָט ה. רויזענבלאַט דעם שאַרפסטן חוש פאַר דער פּריירי־לופט, דער עיקר אָבער פאַר די פּריירי־מענטשן, פאַר די וואָס באָדן זיך אין אירע גראָזן, וואַלגערן זיך אין איר שויס, דרינגען זיך דורך מיט דעם ריח פון איר מוטער־ערד און ווערן באַגראָבן אין אירע געדערים.

אָט איז דער „טרעמפּ" דעני דאָנאוואַן אָ'דעי:

פאַרוואָס זאָל ער ניט פייפן מיט אַ גרינג און פריי געמיט?
אויף וויסטע וועגן דורך דער מדבר טראָגן זיינע טריט
דעם אַראָמאַט פון פריש־געקאָסעטע היי, דעם ריח פון וואַרעם־
פייכטער ערד,
די זריעות פון אַ פרעמדג, זאַטן לאַנד, וואָס זיי איז בלינדערהייט
באַשערט
צו שפּראָצן און פאַנאַנדערבליען זיך אין גרויען מדבר־זאַמד . . .
און בעת ס'וועט רעגענען אין וויסטן, ברוינעם מדבר־לאַנד,
און פון די בערג אַרום וועט נידערן דער ווינט, וועט
דעני דאָנעוואַן אָ'דעי,
אַ פרייער, אין דער פּריירי ווידער טאָן אַ פאַך זיין האָריקע
גאָרילא־האַנט
צום ברוינעם פראַכט־צוג, לויפנדיק פאַרביי מיט אַ צעשויבערטן
געשריי,
און זיך אין ווינט פאַנאַנדערפייפן מיט אַ פריי און גרינג געמיט —
On the Road to Mandalay.

עמוס און אבנר, דער ערשטער אַ נעגער־יונג, דער צווייטער אַ ייד, מיט אַ פֿאַרשטומטער יידישער נשמה, באַגעגענען זיך אין די פּרייריס און באַפֿריינדן זיך. זייער לעבן גיסט זיך אויס און גיסט זיך צונויף ביי אַ וואַלד־שרפֿה און ביי געצוואונגענער האָלץ־העקעריי. דער „שוואַרצער" ווערט לסוף, איבער אַ בלבול, „געלינטשט" און דער כמורנער אַבנר פֿאַר־כמורעט זיך נאָך פֿינצטערער מכח דעם שפּיל פֿון דער גערעכטיקייט און דעם שיקזאַל פֿון מענטשן.

און אָט איז אַ פֿייניקע מיסיסיפּי נאָקטורנעלע:

ער שטייטביים מוטנעם ברעג פֿון מיסיסיפּי טייך —
אַ בראָנזענע געשטאַלט אונטער אַ הייסער זון.
די אָרעמס פּרענטעס שטאָל, די שולטערן טשוגון.

עס זעגלט מיטן ווינט אַ שיף און אַקערט טיף
די כמאַרנע וואַסערן אונטער איר באַוול־לאַסט.
צום הימל הויבט זיך ווי אַ תליה אויף דער מאַסט . . .

די זעגלען שימערן. די זון ביים מערב־ראַנד —
אַ געלע לאַטע מעש . . . דער טייך אַ רעגן צין.
עס ציטערט אויף אַ ליד, עס וויינט אַ מאַנדאָלין.

און לסוף דער שוואַרצער איזעקיעל (יחזקאל). ער הענגט שוין אויף דער תליה. ער לעבט נאָך און דערמאָנט זיך, ווי זיס עס איז געווען זיין בלוט־צאַפּלעניש ביים אָנבליק פֿון דער „ווייסער" וואָס איבער איר הענגט ער עס:

ס'איז גוט מיט אייגן בלוט זיך רייצן . . .
און פֿילן אין זיך פֿייער פּלייצן.

ד. „אדמס קינדער"

גלייכצייטיק מיט „מיין ליכטיקע נסיעה" איז אַרויס רויזנבלאַטס צווייט בוך „אָדמס קינדער". איז עס אַ צוויי־פֿאַכיקע איבערראַשונג, אי אַז ביי דער איצטיקער צייט זאָל זיך נאָך אַ יידישער דיכטער

עוסק זיין אין אַזעלכע ענינים, אי אַז ער זאָל זיי אַזוי פּראָסט פּשוט פּרי־מיטיוו באַאַרבעטן.

כידוע זיינען פאַראַן פיל באַאַרבעטונגען פון די חומשדיקע און תנ״כיקע מעשיות. אויך ביי אונדז פעלן זיי ניט. און ווי אַנדערש די מענטשן, אַזוי פאַרשיידן די באַאַרבעטונגען. דער זייער יונגער און יונ־גערהייט זייער עגאָ־צענטרישער שלום אַש האָט זיינע „מעשהלעך פון חומש פאַר קינדער״ אָדער שוין צו פּשוט פאַר׳פּשט׳עוועט (אדם גיט דעם העלפאַנט אַ נאָמען העלפאַנט, וואָרים ווייל: „דער האָז האָט אַזאַ לאַנגע נאָז ווי אַ העלפאַנט״) אָדער ער האָט זיי פאַר׳אַש׳עט (דאָס חומש־מעשה׳לע וועגן רחלס טויט ענדיקט ער: „יעדער ייד, וואָס קומט קיין ארץ ישראל צינדט אויף איר קבר אַ ליכטל אָן. און איך האָב אויך מיין ליכטל דאָרט אויף איר קבר אָנגעצונדן, פאַר אייערע און פאַר מיין נשמה׳ס וועגן״). דער זייער היינטוועלטיקער ל. פיינבערג האָט, פאַר עטלעכע יאָר אין „אידישן קעמפער״, די חומש־מעשיות אפילו שוין אולטראַמאָדער־ניזירט. און פאַר אַ פּאָר יאָרן האָט דער פולבלוטיקער קאַטאָוועס־טרייבנ־דיקער פּאָעט, איציק מאַנגער, די חומש־מעשהלעך אין פלאַטשיקע גראָ־טעסקלעך איבערגעקערט, אָט ווי אַ קונדס אַ יינגל קערט די אויגן אין רויטע וויעס אויס.

ה. רויזענבלאַט איז אין די וועגן פון קיינעם פון זיי ניט נאָכגעגאַנ־גען, כאָטש ער האָט מאַנגערן אודאי געלייענט און אַ שפּריץ אָדער צוויי פון זיין לשון טריפן אפשר טאַקע אין זיינע פערזן אַריין. אויב שוין נאָכ־גיין, האָט רויזענבלאַט ביי זיך אודאי געטראַכט, וועט ער קודם נאָכגיין זיך אַליין, וואָרים שוין אין זיין סאַמע ערשטן בוך האָט ער דריי חומש־מעשיות („הגר״, „מים המאררים״ און „לאה״), וואו ער מאַראַליזירט זיי, און צווייטנס, אַ גרויס־געניאַלן מייסטער, געטען, וואָס גייט צו דאָס פאַר־צייטיקע אי מיט דעם העכסטן ערפורכט אי מיט דער טיפסטער דבקות, איבערדיכטנדיק דעם פּרימיטיוו סיי מיט זיין סטיכישער געזונטקייט און סיי מיט זיין איינפאַך־גרויסער פּראַכט.

ה. רויזענבלאַטס חומש־מעשהלעך זיינען אי געזונט, אי שטאַרק און ניט־געטשעפּעט פּריש, אי זיס־חנעוודיק־לויכטנדיק. דאָ און דאָרט טריפט ער אַריין אַ טראָפּנדל מאָראַל אָדער מוסר, ווען עס איז גיט ער אַן אייגן חנ׳דעלע, אַ שימערירנדיק טרערעלע צו, וואָס גיסט זיך ווי פון זיך אַליין מיטן טעקסט צונויף.

און ווי וואונדערלעך דינט דאָ רויזענבלאַטן זיין זאַפּטיקער פּאָדאָ־ליער יידיש צו. געוויס האָט אים יהואשעס „תרגום" פאַר אַ הינטערגרונט געדינט, אָבער זייענדיק פריי, נישט אַזוי געבונדן ווי דער פּאַטישער איבערזעצער, האָט ער דאָ עפּעס מוסיף געווען, דאָ אַ שריטעלע אָפּגע־קערט, דאָ אַ קווינט צוגעגלעט. איז אין סך־הכל אַרויסגעקומען אַזאַ דורכגעזיפּטע גרינגקייט, אַזאַ אויסגעלייטערטע פּלאַסטישקייט, אַז וויפיל מאָל מען זאָל די זאַך פריער ניט האָבן געלערנט — געלייענט, איז אַ גע־שמאַקע פרייד זי ווידעראַמאָל דורכצושווימען. און וואונדערלעך פיין דינט דאָ רויזענבלאַטן צו זיין זאַפּטיק־קוויקנדיקער, גרינג־פעסטער פערז. אָט, למשל, איז דער צוריקקער פון נחם טויב:

אין אָוונט האָט זיך אויף דעם גזימס פון פענצטער, מיד
אַראָפּגעלאָזט די טויב
און נח האָט געזען: זי האָט אין מויל אַ גרינעם איילבערטבלאַט
געבראַכט.
און נח האָט דאָס פרישע איילבערטבלאַט צו זיינע ליפּן צוגעדריקט
דערפילט דעם אָטעם פון דעם ווינט, די קילע ריחות פון דער ערד.

און אָט ווי אַזוי חוה רופט זיך אָפּ אויף איר זון הבל׳ס טויט:

אויף חוה׳ס פּנים האָט געמינעט זיך — יסורים, פּחד, צאָרן,
וואונדער, צער.
אָט האָט עס אויפגעפיבערט מיט בטחון, אָט האָט דאָס
אויסגעלאָשן זיך.
געוואָרן שטאָר.

און גאָט האָט זיך אויף איר דערבאַרימט, דען איר האַרץ
האָט ניט געוואוסט און ניט באַנומען וואָס דאָס מיינט.
האָט גאָט דער האַר, צום ערשטן מאָל באַשאַפן פאַר דעם
אויג די טרער,
און חוה האָט געוויינט,
און חוה האָט געוויינט.

מלכה ח. טוזמאן

●

צום געבוירנטאָג פֿון אַ זילבער ווייסן דיכטער

●

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פֿריינט.

ס'איז שווינד־און־שווינדער צייט;
ס'איז ווינד־און־ווינדער צייט
נאָר אין דיין ווייסקייט, ווייסער פֿריינט,
זויבערט, שימערט, שיינט
אַ בענטשונג
היינט.

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פֿריינט

און בין באַהעפֿט
ווי צווייג מיט צווייג פֿון שכן בוים
וואָס ווערט פֿון זאַפֿטן אייגענע גענערט —
מ י ר
די פֿרייד געהערט
פֿון בלעטער שפּיל
אין שאָטן קיל,
אין שטילן שטיל
פֿון דיין
טראַנק־
וויל.

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פֿריינט.

דיין אויפֿגערוימטער בליק באַגלייט
דעם בעכער אין מיין האַנט;
פֿאַרציסט אַ ברעם ביים כוס־אָן־כוס־געקלאַנג.
ס׳האָט ווער דיין ליד צעפֿלאַטערט אין געזאַנג.
טוסט אַ וויג און
דו שמייכלסט עפּעס באַנג,
עפּעס אַזוי
באַנג.

ווי לינד דיין ווייסקייט איז,
מיין פֿריינט.
ווי דורכזיכטיק
ביסט היינט.

ה. רויזענבלאַט — פֿון 1900 ביז 1946

•

פֿון יעקב גלאַטשטיין

•

דאָס יאָר 1900, ווען ה. רויזענבלאַט האָט געשטעלט זיינע ערשטע דיכ־טערישע טריט, איז געווען אַ צו־טומעלדיק יאָר פֿאַר אַ נייעם נאָמען — ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן דער פֿאָרהאַנג און ס'האָט גענומען אויפֿשפּילן דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, וואָס איז פֿאַר אַסך געווען מער ווי אַ דערוואַרטונג. מ'האָט דעם יאָרהונדערט געטרויט אַזויפֿיל, אַז מען האָט די ערשטע טריט שוין באַטראַכט פֿאַר אַ דערפֿילונג. מ'האָט די וועלט צוגעגרייט צום דאַזיקן מילעניום מיט פּויקן און טאַצן און זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך דערוועגט צו צווייפֿלען אין די אַלע גוטע הבטחות. מ'האָט עס באַטראַכט פֿאַר אַ זכיה צו שטעלן יונגע טריט אין דעם יאָר־הונדערט, כדי צו שפּאַנען אין דער פּראָצעסיע פֿון אַלדאָס גוטס און מענטש־ברודערשאַפֿט. דערפֿאַר איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט נישט נאָר דער בלוטיקסטער, נאָר אויך דער טראַגישסטער, ווייל גראָד דער פֿייערלעך־צוגעגרייטער וועלט־יום־טוב האָט אַזוי מוראדיק אָפּגע־נאַרט, אויפֿפּראַלנדיק אַלע טירן פֿון גיהנום.

אָבער דעמאָלט, אין ערשטן יאָר פֿון דעם נייעם יאָרהונדערט, זיינען מענטשן געגאַנגען מוטיק פֿאָראויס, נישט נאָר ווי בויער פֿון אַ נייער וועלט, נאָר מיט דער גרייטקייט צו געניסן. ס'איז שוין נישט געווען אַ דור וואָס האָט בלויז געאַרבעט פֿאַר קינדער און קינדס־קינדער, נאָר אַ דור וואָס איז געווען זיכער, אַז אים איז באַשערט צו זיין דער אויסגע־חלומטער און מקויים־געוואָרענער דור.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז אויך אַלץ געגאַנגען באַרג־אַרויף. מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ זיינען שוין געווען און זייערע ווערטער האָבן אָפּגעהילכט. זיי זיינען אַלע געגאַנגען מיט פֿעסטע טריט אויף יונגער

ערד פֿון אַ נייער צוקונפֿטיקער ליטעראַטור. ס'האָבן זיך שוין אויך גע־האַט אַנטפּלעקט ביאַליק און רייזען און ס'האָט שוין געהאַלטן נאָענט צו דער התגלות פֿון אַש, נאָמבערג און ווייסענבערג. ס'האָבן זיך שוין אַפֿילו געהערט די טריט פֿון אַ יידישן קריטיקער — בעל מחשבות — וואָס האָט שוין געפֿונען אַ גרייט ליטעראַריש פֿולוואַרק, פֿאַר זיינע אייראָפּעאישע איבערפֿלאַנצונגען.

ס'איז געווען אַ מחיה אין יענער צייט צו זיין אַ באַוונדערער און אַ חסיד פֿון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, אָבער ס'איז געווען אַן אמת איינשטעלעניש צו ווערן אַ שרייבער. ס'איז געווען שאַרף די קאָנ־קורענץ. די סקולפּטורעסקע פֿיזיאָנאָמיעס פֿון די עלטערע און יינגערע ריזן זיינען געווען אַזעלכע אַלץ־פֿאַרענטפֿערנדיקע און שאַרף־געצייכנטע, אַז ס'איז ממש נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר נאָך אַ פּנים. זיי האָבן „גע־דעקט" אַלץ, וואָס איז צו יענער צייט קוים אַלט געווען אַ פֿערטל יאָר־הונדערט, זיינען די גרויסע פֿיגורן געווען מער ווי גענוג, איבערגענוג — אפֿשר צופֿיל שפֿע.

דערפֿאַר איז דאָס יאָר 1900 גאָרנישט געווען אַזאַ מזלדיק יאָר פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט נישט נאָר מיטשרייבן מיטן דור, נאָר טאַקע לאָזן הערן זיין קול. ס'איז געווען אַ וואַגעניש אין יענער צייט צו וועלן עפֿענען אַן אייגן מויל. אַסך זיינען אָפּגעקומען מיט זיצן ביי די פֿיס פֿון די מייסטערס. ס'איז בכלל געווען אַ חוצפּה צו וועלן אויפֿטאָן עפּעס אייגנס, ווען די ליטעראַטור האָט שוין געהאַט אַזוי גרויסאַרטיק אָנגעהויבן. צו קענען ווערן אַ גרעסערער פּרץ, אַ ליכטיקערער שלום עליכם איז געווען אַ ייִנגלשער חלום. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך שוין כמעט נישט גע־נויטיקט אין מער שרייבער. ס'איז געווען די עראַ פֿון בעסערן לייענער.

און ווי האָט עס געהאַלטן אין אַמעריקע? אָפּגערעדט וואָס שלום עליכם, מענדעלי, פּרץ, רייזען און ביאַליק זיינען סיי ווי „געווען" אין אַמעריקע, האָט שוין דאָ אין נייעם לאַנד זיך געהאַט באַוויזן אין זיין פֿולער רייפֿקייט אַזאַ וואונדערלעכער פּאָעט ווי מאָריס ראָזענפֿעלד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זינגען זיין ליד נאָך אין 1886. ס'האָט שוין געשריבן פּרעכטיקע סאָציאַלע און לירישע לידער א. ליעסין. (יהואש, וואָס האָט נאָך געהאַט אָנגעהויבן אין פּרצ'ס יום־טוב בלעטער, אין 1890, האָט אויף אַ צייט איבערגעריסן זיין דיכטערישן אַרויפֿשטייג, אָבער ער האָט אים צוריק באַנייט).

ווען ה. רויזענבלאַט איז געקומען אין 1900 האָט ער געפֿונען פֿאַר זיך אַ פֿאַרטיקע, גרויסע ליטעראַטור. ווען איך זאָג אַ פֿאַרטיקע, מיין איך, אַ ליטעראַטור וואָס קעגן איר האָט מען נישט געקענט און נישט באַדאַרפֿט רעוואָלטירן, נאָר מען האָט זי בלויז געקענט אָננעמען און אויפֿנעמען מיט אַ ברכה.

דוכט זיך אַז ריווקין האָט די דיכטערישע עפּאָכע באַצייכנט מיטן נאָמען „ערב־יונגע״, אָבער דער צוגעטראַכטער נאָמען באַווייזט ערשט, אַז די עפּאָכע האָט געלעבט אין זכות און אין שאָטן פֿון גרויסקייט און זי האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקן חשק איבערצושטייגן די ריזן, נאָר זי האָט געפֿונען קינסטלערישע באַפֿרידיקונג, דורך שטויבן זיך אין זייער קינסטלערישן שטויב.

דערפֿאַר איז דאָס געווען זייער נישט „פֿאַרזיכטיק״ פֿון ה. רויזענבלאַטן אַריינצופֿאַלן — אַ 22־יעריקער בחור — מיט 46 יאָר צוריק, און אָנהויבן זיין אָנהויב דעמאָלט, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט צו פֿאַרצייכענען אַזעלכע קלאַסאַלע אויפֿטוען, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין צייט אַרויסצורופֿן אַן ערנסטע איבערראַשונג פּשוט דערפֿאַר, ווייל דער יידישער לייענער איז געשטאַנען פֿאַרכאַפּט פֿון גרויס פֿאַרוואונדערונג. ס'וואָלט געווען די גרעסטע אומאיידלקייט אים איבערצורייסן זיין חסידישע התלהבות. אַלץ וואָס אַ דיכטער האָט צו יענער צייט געקענט טאָן איז געווען שרייבן נאָך אַ ליד, אָבער ער האָט געמוזט אַרונטערבויגן דעם קאָפּ און זיך שטעלן אין דער ריי פֿון די באַוואונדערער. דאָס איז געווען די צייט פֿון אַזעלכע שטילע דיכטער ווי דוד גאָלדשטיין און אברהם ראַדוצקי, וואָס הגם זיי האָבן פֿאַקטיש אָנגעהויבן אין דער זעלבער צייט מיט מאָריס ראָזענפֿעלדן, האָבן זיי זייער ליד נישט געשיקט צו די וואָלקנס, נאָר זיי האָבן עס געמאַכט אַזוי בלחש, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט — אין איין דור מיט מאָריס ראָזענפֿעלדן און א. ליעסין — ציען צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיך.

אַחוץ דער שאַרפֿער קאָנקורענץ איז אויך טעמאַטיש שווער געווען דער וועג פֿון יונגן דיכטער. אַרבעטער־קלאַס? עדעלשטאַט איז ערשט געווען טויט אַכט יאָר און באָוושאָווער איז שוין געלעגן אין משוגעים־הויז. ס'האָבן אויך געשריבן אויף די זעלביקע טעמעס ווינטשעווסקי, ליעסין, ראָזענפֿעלד.

פֿאָלק? ליעסין, ראָזענפֿעלד האָבן דערגרייכט אַזעלכע הויכן, אַז

זיי אַריבערצושרייַען אויף דעם נאַציאָנאַלן געביט האָט מען זיך באַדאַרפֿט גוט אונטערגאַרטלען. געבן זיך אַליין? ליבע? אויך צו די טעמעס האָבן זיך די גרויסע פּאָעטן פֿון יענער צייַט צוגערירט, אָבער זיי האָבן זיך צוגערירט מיט באַשיידנקייט. זיי האָבן מער צוגעדעקט ווי אויפֿגעדעקט און געשאַפֿן אַ שול פֿון שעמעוודיקער ליריק. פֿאַר אַסך ייִנגערע דיכטער פֿון יענער עפּאָכע איז פֿאַרבליבן די ברירה צו רעדן הומאָריסטיש וועגן זיך, ווי אַ מיכל קאַפּלאַן, א. ל. וואָלפֿסאָן, צו מאַכן אַ גרויסשטאָטישן טור־מעל, ווי יואל סלאָנים, אָדער צו פֿרעזערווירן אין צוקער די אייגענע בענק־שאַפֿט ווי י. אַדלער. ערשט אַביסל שפּעטער איז ראַלניקן אייַנגעפֿאַלן אַוועקצושטעלן דאָס איי, אַפֿילו ווען מען דאַרף עס אַביסל אייַנקנייטשן, אין אַנדערע ווערטער, צו באַווייַזן, אַז מען קען רעדן וועגן זיך דברי חול און מען קען זיך דעררעדן צו דער אייגנאַרטיקייט פֿון אַ נייעם, וואָכעדיקן מענטשן.

ווי אַזוי אָבער האָט רויזענבלאַט באַוויזן אַרייַנצוקומען אין אַזאַ גע־פֿערלעכער צייַט אין דער ליטעראַטור און אַרויסקומען פֿון דאָרט, יאָרן שפּעטער, מיט „הרודעס", „ליים", „אדמס קינדער", „מיין ליכטיקע נסיעה"? ווי אַזוי איז אים געלונגען אָפּצוהיטן זייַן אייגענעם נאָמען, אַזוי, אַז דער נאָמען ה. רויזענבלאַט זאָל זיך אַרויסטומלען פֿון דעם טומעל און זאָל ניט נכשל ווערן? ווי אַזוי האָט ער זיך דערוועגט צו שטעלן דעם טראָפּ אויף זיך אַליין און האָפֿן און גלויבן, אַז זייַנע לידער וועלן אַרויס־שווימען מיט אַ ליכטיקער אונטערשריפֿט?

ה. רויזענבלאַט האָט זיך געראַטעוועט מיטן כוח פֿון מייסטערשאַפֿט. דער יונגערמאַן רויזענבלאַט איז געקומען מיט דער אייַנגעגלויבטקייט, אַז אַפֿילו אין אַלטע טעמעס קען ער אַרייַנזינגען אַן אייגענעם אָטעם, ווייל ער פֿאַרמאָגט די קענטשאַפֿט זיי צו באַנייען. אין זייַן ערשטער פּעריאָדע איז ער געקומען ווי אַן איבעראַנדערשער. ער האָט געוויזן אַז ס'זייַנען נאָך ניט אויסגעשעפּט די גראַם, וואָרט און טעכניק מעג־לעכקייטן פֿון דעם אייַנגעפֿונדעוועטן יידישן ליד. ער האָט דאָס אייַנ־געפֿונדעוועטע איבערגעשריבן, איבערגעוואָרפֿן און געצויגן אויף זיך אויפֿמערקזאַמקייט מיט זייַן געוואַגטער מוזיקאַלישקייט, כ'וואָלט געזאָגט, מיט זייַן אַמעריקאַנישער מוזיקאַלישקייט. שוין אין רויזענבלאַטס ער־שטע לידער האָט זיך געהערט די טאָן־ברייטקייט פֿון אַמעריקע. ראָזענ־פֿעלד האָט באַזונגען אַמעריקע, זייַן ליד איז געווען קלימאַטיש אַנדערש,

ווי אַסך לידער פֿון זיין דור. דער יונגער רויזענבלאַט האָט פֿאַרמאָגט אַ גוט אויער פֿאַר אַמעריקע און אַ גוטן זכרון פֿאַר דער היים. געקומען אַהער איז ער אַ דרייצניעריקער בחורל, האָט ער גלייך געוּנומען הערן אַמעריקע און גלייך גענומען פֿאַרגעדענקען די היים. פֿאַרגעדענקען מיינט אַוועק־לייגן אין זכרון, כמעט ווי פֿאַרגעסן מיט געדענקעניש, אַרכיווּיזירן און אָפּלייגן איין שטיק געדענקעניש אויפֿן אַנדערן, נישט ווי דירעקטער היים־ווײ, נאָר ווי פֿאַרוואַנדלטע בענקעניש פֿון אַ יידיש ייִנגל, וואָס יעדער גע־דעכעניש רעמט ער אַרום, מיט אַזויפֿיל דיכטערישער פֿאַרגעסעניש, אַז די היים ווערט נאָך צויבערהאַפּטיקער, ווייל זי ווערט אַלעמענס היים־חלום. און דאָס איז געווען דער סוד פֿון זיין „הרודעס" און שפּעטער פֿון זיין „ליים". זיי זיינען באַהויכט מיט דעם ליכט פֿון אַ קאָלעקטיווער אויטאָ־ביאָגראַפֿיע, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן. רויזענבלאַט איז צוגע־טראָטן צו זיך דורך דעם כישוף פֿון זיינע אַלע פֿאַרגעסענע געדענקענישן און ער האָט געשאַפֿן, נישט קיין קאַרגע, פֿאַראיכטע אויטאָביאָגראַפֿיע, מיט קאַרג־אייגענע טאַטע־מאַמע אין אַן אַרומגעצירקלט שטעטל וואו קיין פֿרעמדער קען נישט אַריין און נישט אַרויס, נאָר ער האָט געשאַפֿן אַ ברייט און גאַסטפֿריינדלעך שטעטל פֿאַר אַלעמען. פֿאַראַן דיכטערישע ברייטקייט אין זיינע פֿאַראונדזערטע אויטאָביאָגראַפֿישע לידער. ער נעמט זיך אַליין און פֿאַראונדזערט עס, נישט דורך דער לייכטער אַלעגאָרישקייט, אַז ער איז איך און איך בין ער, נאָר מיט דעם כוח פֿון מייסטערשאַפֿט.

שוין דאָס ערשטע ליד פֿון רויזענבלאַטס „מיין ליכטיקע נסיעה", וואָס הייסט „אַ ליד וועגן זיך אַליין", איז אַזאַ פֿאַרגעדענקט־ליד ; כמעט אַזוי אָפּגעשפּאָרט אין זכרון און איבערגעבויט, מיט דער צייט ווי אַ שאַגאַל בילד.

גערבראַכט האָט הערש ריסאָשער חיימלען אין „גאָלדן לאַנד"
ווי אַ גוי להבדיל ברענגט צו שלעפּן אויפֿן קאַרק
פֿון נאָענטן דאָרף אין שטאָט אַריין, אַן ענדיק אין אַ זאַק
וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט צום פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק.

אַזוי־אַ געדענקט מען נישט דאָס אייגענע קומען יינגלווייז קיין אַמעריקע. אַזוי־אַ פֿאַרגעסט מען עס גיכער און מען לייגט עס אַוועק אין זכרון, אויף ווען מען וועט עס דאַרפֿן אויסגראָבן פֿון געדעכעניש. און

ווען מען גראָבט עס אויס, ווערט חיימל „אַן ענדיק אין אַ זאַק". און אויב חיימל איז שוין אַזוי ווייט פֿון זיך אַליין, ווערט ער שוין היימלעך פֿאַר־אונדזערט און ער פֿאַרבעט אונדז אַלעמען הנאה צו האָבן פֿון דריטן פֿערז:

האָט חיימל אפֿילו, ווי דער ווילדער ענדיק אויסגעזוכט
אַ לאָך אין זאַק, און האָט אַרויסגעשטעלט
דאָס בלאָנדע קעפּל און מיט זשעדנע אייגעלעך, שרעטלדיק,
געטאָן אַ נאַש פֿון גאָטס געבענטשטער וועלט.

אַט דער גראָטעסקער אינדיק קומט קיין אַמעריקע און שוין אין שאַפּ בליט ביי אים „פֿאַנאַנדער זיך אַ ליד".

ער כאַפּט זיך צום דרימל . . . חלומט, כאַפּט זיך אויף —
אַ, טאַטע, טאַטע, הער אויף קלאַפּן! לאָז זיין שטיל!
עס שפּראָצט ביי מיר אין האַרץ אַ ליד . . . אַ תּיקון אפֿשר? האַ?
פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר אונדזער אַלטער וואַסער־מיל?

אָבער אפֿילו דאָס אויפֿבליען פֿון ליד אין שאַפּ איז אויך „קאָלעק־טיווע" אויטאָביאָגראַפֿיע. ביי אַסך יידישע אַרבעטער האָט זיך אין שאַפּ געבאָמבלט אַ ליד און זיי נישט געלאָזט אונטערגיין. ביי אַסך איז דאָס ליד געווען אַ חלום פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, אָדער פֿון דער צוקונפֿט. ביי רויזענבלאַטן איז דער חלום געוואָרן בוכשטעבלעך איבערגעזעצט אויף לידער.

ווי אַזוי איז דער „פֿאַרסטריגע־ציער חיימל" געוואָרן אַ פּאָעט? רויזענבלאַט באַמיט זיך דאָס צו דערציילן, כמעט אין אַלע זיינע לידער, און ווייל ער גיט אין יענע לידער בלויז אַ פּאָעטישן ענטפֿער און נישט קיין רעאַליסטישן, ווערן מיר איבערצייגט, ווייל יעדער ליד איז אַ באַוויז. יעדער ליד זאָגט: ער איז געוואָרן אַ פּאָעט, מיט דעם געהיימען כוח פֿון פֿאַרגעדענקען דיכטעריש דאָס וואָס לאָזט זיך פֿאַרגעסן. ער האָט דעם פֿאַרבאָרגענעם כוח צו פֿאַרוואַנדלען זאַכן וואָס זיינען געשען, אין זאַכן וואָס זיינען כמעט אָדער קוים געשען. ער זעט זאַכן אַליין פֿאַר זיך, אָבער ער טיילט זיך ברייטהאַרציק מיט זיינע דיכטערישע דערפֿאַרונגען.

דערפֿאַר האָט רויזענבלאַט אפֿילו פֿאַרוואַנדלט היימיש לשון. אין

פֿלוג איז ער גוט־ברודעריש היימיש, אָבער אַפֿילו דאָס וואָרט זיינס איז דורכגעגאַנגען אַ פּראָצעס פֿון פֿאַרוואַנדלונג און דאָס האָט אין וועג עפּעס אָנגעוואוירן און עפּעס אויפֿגעקליבן.

געהערט רויזענבלאַט דערפֿאַר צו די זעלטענע פּאָעטן, וואָס ווערן בעסער מיט דער עלטער. איצט, ווען ער איז שוין ביים שוועל פֿון זי־בעציק, שרייבט ער זיינע רייפֿסטע לידער, ווייל ער איז אַן אינסטרומענט פֿון אַזויפֿיל אויפֿגעציטערטע דערמאָנענישן. ער דאַרף בלויז עפּעס אויפֿ־מישן אין זכרון און עס צעבליט זיך מיט אַן אָרעאָל פֿון דיסטאַנץ. ער שרייבט איצט אויך זיינע רייפֿסטע קינדער־לידער, ווייל ער מאַכט קיין סוד נישט פֿון זיין נייער דערוויטערטער דערמאָנונג. דאָס קינד זינגט אויפֿן שויס פֿון זקן און ביידע זיינען פֿאַגליוועט אין איין סטאַטועסקער פֿיגור. דאָס קינד מיטן זקן ווערן פֿאַרדרימלט נאָכן מעשהלע און קיינער געדענקט נישט ווער עס האָט דאָס מעשהלע דערציילט — דער זקן אָדער דאָס קינד.

דאָס בלאָנדע קינד, ביים פֿענצטער, ציילט
די אָונט־וויסע שטערן.
ווי שטענדיק וועט עס ציילנדיק,
מן הסתם אַנשלאָפֿן ווערן.

אָט זוימען זיך די וויעס מאַט,
די אייגלעך, מיד, זיך שליסן —
נאָר וואונדער! ס׳האָט אַ שטערן זיך
פֿון הימל אָפּגעריסן.

(זייט 21 — „מיין ליכטיקע נסיעה״).

און אין דעם אויסגערייפֿטן דערמאָנען, וואָס איז דערוויטערט גע־וואָרן פֿון דעם וואָס דער זכרון האָט אָפּגעלייגט ווי ערץ־מעטאַל און וואָס דער דיכטער האָט אויסגעגראָבן און געלייטערט, איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר יחידישן פּחד פֿון אונטערגאַנג. ה. רויזענבלאַט איז נישט קיין גלוי־ביקער, ער איז מער ווי דאָס, ער איז אַזוי צו זאָגן אַ זיכעריקער. ער דאַרף נישט גלויבן, ער איז זיכער, אַז אַזוי וועט עס זיין.

אַריבער די טונקעלע בערג טראָגט דיין האַנט
מיין ליכט אין צעשטראַלטן לאַנטערן.
איך ווייס אַז מיין ליכט וועט אין בלויקייט פֿון נאַכט
פֿאַרלירן זיך צווישן די שטערן.
נאָר דו וועסט אים היטן; זיין שימערן הערן;
אין יעטווידן שטערן וועסטו אים דערקענען,
אַפֿילו ווען ער זאָל פֿאַרלאָשן שוין ווערן.

(„מיין ליכטיקע נסיעה" — זייט 52).

דער זעלבער מאָטיוו פֿון זיכערקייט איז פֿאַראַן אויך אין זיין ליד פֿון „סגי־נהור" — דאָס זען דאָס פֿאַראויסיקע מיט בלינדער זעעוודי־קייט, אָן פּחד, ווייל דאָס וואָס קומט — קומט מיט אַ ניי ליכט, אַפֿילו ווען דאָס ליכט איז אַרומגעטונקלט.

איך לייג די פֿינגער אויף מיין שויב,
און פֿיל דעם אָוונט קומען.
די קילע פֿייכטקייט האָט מיך שוין
מיט נאַכט אַדורכגענומען.

שוין קען איך דורך מיין בלוט און ביין
די אָוונט־בלויקייט הערן.
און איידער נאָך די נאַכט קומט אויף —
דערפֿיל איך שוין די שטערן.

(„מיין ליכטיקע נסיעה" — זייט 156).

און וואָס איז „אָדמס קינדער", אויב נישט אַ חומשל, וואָס דער־מאָנט זיך און וואָס וויל כלומרשט אַלץ איבערדערציילן געטריי, ווי ס'שטייט געשריבן, נאָר אין פּראָצעס פֿון דערמאָנען זיך וואַרפֿט מען אַריין איי־גענע ווערטער אין דעם באַקאַנטן טעקסט און די אייגענע רייד מישן זיך צונויף מיט די גוט באַקאַנטע מעשיות. ה. רויזענבלאַטס חומש איז נישט ווי מאַנגערס אייגן וואוילעריש חומשל, מיטן היטל אויף דער זייט און מיט אַ שפּיי דורכן פֿאַרשטשעמעטן ציגאַרעטל. רויזענבלאַטס איז אַ דער־מאָנט חומשל, מיט אייגענע ווערטער אַריינגעשטעלט דאָרט, וואו דער

אַלטער טעקסט וויל איינדרימלען, אָבער ער פֿאַריונגט זיך מיט היינט־צייטיקייט און ערשט־געשעענקייט. און דאָרט וואו רויזענבלאַט פֿאַרזינגט זיך און ווערט אַביסל מאַנגעריש קליידט עס אים נישט, ווי

איך בעט דיך קום צו הגר'ן מיין דינסט,
אברהם האָט ניט געלאָזט זיך בעטן לאַנג און איר צוליב געטאָן.
(„אדמס קינדער" — זייט 39).

אָדער —

אין אָוונט, בעת ער האָט זיין אָוונט־ברויט געגעסן, האָט זיין
פֿאָטער־אויג
באַמערקט די מיידן זיינען קיילעכדיק, ווי די לבנות אין
סוף־חודשדיקע נעכט.
די בייכער אויפֿגעיורן און די בריסטן אויפֿגעשפּיצט ווי ביי אַ צויג
און זשעדנע האָט ער מיט די אויגן זיי אַרומגעטאַפּט און
האָט געזאָגט:
עס איז דאָך אויף דער ערד, חוץ מיר, קיין מאַנסביל ניט פֿאַראַן,
און זע די לייבער אייערע, ווי קעלבער אויסגעפּאַשעטע —
איר טראָגט.
(„אָדמס קינדער" — זייט 47).

דאָס איז אַביסל צופֿיל געזען און צופֿיל געדענקט פֿאַר אַ דערמאָנט חומשל. רויזענבלאַט האָט אין זיינע אַנדערע לידער זיך אָנגעטרויט דעם זכרון מיט אַביסל מער קורצזיכטיקייט.

מיר געפֿעלט אַסך בעסער נח'ס „בורא פרי הגפן".

און גאָט האָט אים געענטפֿערט און געזאָגט
אין זכות פֿון הימל, און דער ברכה פֿון דער ערד,
דען וואָס דו האָסט געטרונקען ערשט איז — רעגן, זון און טוי.

און נאָכאַמאָל האָט נח אָנגעפֿילט זיין קרוג,
געטרונקען און געטרונקען און געטרונקען און סע נישט
געווען גענוג.

און נח מאַנט ביים קרוג. די לערקייט ענטפערט: סע
נישטאָ! נישטאָ!
דער לעצטער טראָפּן, זעט ער, שימערט ווי אַ פיש־רויג,
אויפן דנאָ.
אַ בלינדער צאָרן צינדט זיך אָן ביי אים אין בלוט, ער טוט אַ הויב
דעם לערן קרוג, אַ שליידער צו דער ערד.
דער קרוג טוט הייזעריק אַ יאָמער — נח־ח־ח־ח!
און שערבלט זיך פאַנאַנדער אין אַ קנויל, פון ברוינעם שטויב -
אַ וויכער רויך.
(„אָדמס קינדער" — זייט 32).

„אַ לעצטער טראָפּן שימערט ווי אַ פיש־רויג" — איז די פאַרוואנד־לונג פון אַסך דערמאָנטע פאָעטישע בילדער, וואָס מיט זיי פאַרשיכורט זיך רויזענבלאַט, ווען ער דערזעט זיי שימערן אין זכרון. „און שערבלט זיך פאַנאַנדער" — איז דער בילדלעך־שפּראַכלעכער צייכן פון רויזענ־בלאַטס כסדרדיקן קלעטער באַרג־אַרויף, פון 1900 ביז 1946.

ברכה קודלי

צו ה. רויזענבלאַטן — מיט ליבשאַפֿט

פֿאַראַנען אָפּגעשפּאַרטע גיטער,
וואָס ניט דער מענטש,
ניט דער שטאָך פֿון שאַרפֿן שווערד
וועט זיי ניט פֿאַרהיטן.
פֿאַראַנען אוצרות געבענטשטע,
וואָס קיינער דאַרף ניט היטן —
זיי בליען אויף מיט נס פֿון זען אין מענטשלעכע געמיטער.

דער דיכטער — ער איז איינער,
וועמעס אוצר עס איז באַשערט
זיך אַוועקצושענקען.
ער זעט, וואָס ס׳זעט ניט קיינער.
און אויב ס׳איז באַשערט וועמען
נאָך פֿליגל צו בענקען,
קומט און נעמט.

די דינקייטן פֿון זיין געמיט
שענקט ער אַוועק —
אַמאָל צו „אַ שטורעם וואָס ביים וואַסער־ברעג"
און אַמאָל צום „קנאָספּ, וואו ס׳קאָלופּעט זיך דער צוויט".

זיין שכר —
„אַ מידע ווערבע, אין שווייגעניש געבויגן,
באַגעגנט מיט אירע ווייסע צווייגן
זיינע פֿאַרחלומטע אויגן".

און כאָטש עס איז „זיין לעבן
אָפּטמאָל אַ טיפֿער ים פֿון אומרו און יסורים",
נאָר שטראַליק איז דאָס געוועב

פֿון זיין געבענטשטן שכר: —
אַליין
מיט חכמהדיקן לויטער צו דערזען אין זיך דעם נאַר,
וואָס כשופֿ׳דיק פֿאַרפֿלעכט דעם פֿאַרגעזאַנג
אין זיין געזאַנג
ווען ער דערזעט, וואָס ס׳זעט ניט קיינער.

נחמיה קליין

סאָנעט

אין דער פֿרעמד

אַ פֿרעמדער אין אַ ווייטער שטאָט איז פֿיל מאָל פֿרעמד.
הגם די מחנות מענטשן רינגלען אים אַרום
גייט ער איינזאַם אין געטומל, שטיל און שטום,
די זוכנדיקע בליקן אָפּגעשטויסן און פֿאַרשעמט.

אינם רויש און ראַש פֿון גאַסן קוקט מען אויף אים קרום —
אָט נאָך אַן אומגעבעטענער צו פֿאַראיינגען זיי די ווענט.
און ס׳קומען ניט אַנטקעגן קיין אויסגעשטרעקטע הענט.
זאָל אויך אין זוניקן דרום־לאַנד בליען די ווינטער־בלום?

נאָר ס׳טריבע אויג פֿון וואַנדערער איז בלויז פֿאַרבלענדט —
אונטער די קאַלטע מאַסקעס וואַרעמען נשמות פֿרום.
אפֿילו אינם שטויביקן שטיינער־שטאָטישן געברום
די דינע שטים פֿון פֿריינטשאַפֿט פֿון האַרץ צו האַרץ זיך ווענדט.

טראָג ניט, אורח, דיין עלנט אין לעדיקן אַרבל ווי אַ מום,
זע — יידישע הערצער ציען זיך צו דיר פֿון אומעטום.

„ייווא" באַגריסט ה. רויזענבלאַט

פּ׳ ה. רויזענבלאַט
לאָס־אַנדזשעלעס

זייער חשובער פֿריינד:

ס'איז מיר באמת אַ גרויס פֿאַרגעניגן אייך מודיע צו זיין, אַז די צוויי און צוואנציקסטע יאָריקע קאָנפֿערענץ פֿון ייווא, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק פֿון 17טן ביזן 20טן יאַנואַר 1948, האָט באַשלאָסן איבערצושיקן אייך אירע וואַרעמסטע ברכות צו אייער זיבעציקסטן געבוירן־טאָג. די קאָנפֿערענץ ווינטשט אייך „אריכת ימים, ווייטערדיקע פֿרוכפּערדיקע אַרבעט און אַסך פּערזענלעך גליק".

צו די דאָזיקע ברכות פֿון דער קאָנפֿערענץ נעם איך זיך דעם כבוד צוצוגעבן אויך מיין פּערזענלעכן מזל־טוב.

מיט די פֿריינדלעכסטע גרוסן,
אייער,
מ. ווײַנרײַך,
וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר.

●

באַגריסונג פֿון מנחם באַריישא

עס איז אַ נחת צו באַגריסן ה. רויזענבלאַט צו זיינע זיבעציק יאָר. ער טראָגט אי דעם ווייסן קאָפּ אי די ציפֿער 70 נישט ווי צייכנס פֿון אַלטקייט, נאָר פֿון קראַפֿט און רייפֿער וויזיע. מען דאַרף בלויז אַ בלעטער טאָן דאָס לעצטע בוך „מיין ליכטיקע נסיעה" צו דערזען ווי פֿריש עס זענען אין אים אַלע פּאָעטישע חושים, וויפֿיל יונגע, דינע ליריק עס פֿליסט אין אים און מיט וואָס פֿאַר אַ זינגעוודיקע פֿאַרבן עס שפּילט זיין יידיש. ביי רויזענבלאַטן איז יוגנט אַ וועלט־באַנעם. ער איז פֿאַרליבט אין יוגנט און זעט די וועלט מיט אירע אויגן, באַנעמט זי מיט אירע חושים. מיט רייפֿקייט ווערט ביי אים די יוגנט בלויז קליגער, קרעפֿטיקער, מענטשלעכער. דעריבער אויך דער גאַנג פֿון דער ערדישער אוקראַינע פֿון זיין יוגנט אין „הרודעס" צו דער יוגנט פֿון דער וועלט אין די תנכ׳ישע לאַנדשאַפֿטן און געשטאַלטן אין „אָדמס קינדער".

צו זיינע זיבעציק יאָר ווינטש איך ה. רויזענבלאַט, אַז די ברכה פֿון אָט דעם וועלט־באַנעם זאָל ווייטער רוען אויף אים און בליען אין אים.

מנחם באַריישא.

ראָזענבלאַטס פּאָעטישע נסיעה

●

פֿון נ. ב. מינקאָוו

●

צו דערגרייכן דאָס רייפֿסטע ליד — דאָס איז דער וואונטש פֿון יעדן פּאָעט. אָבער דאָס רייפֿסטע ליד — חלומט יעדער פּאָעט — דאַרף זיין דער שלימותדיקער אויסדרוק פֿונם טיפֿסטן געמיט, פֿון דער עיקר־אידייע, צוזאַמען מיט די ווייטסטע שייכותן און רמזים. אַזאַ ליד דערציילט אונדז אויך, אַז דער פּאָעט האָט דערגרייכט דאָס וויט־גייענדיקסטע, דאָס ווייט־גרייכנדיקסטע פֿון די מיטלען זיינע, מיט וואָס ער איז באַשאָנקען.

און ביי אַזאַ ערלעכן און עכטן פּאָעט, ווי דאָס איז ה. ראָזענבלאַט, ליגט עס אַלץ אָפּן ווי עס ליגט אָפּן גאָטס וועלט. ניט שווער איז עס געווען צו זען אין זיין גאַנץ פּאָעטיש לעבן, און ניט שווער איז עס איצט צו דערזען אין זיינע צוויי ביכער, וואָס געהערן בלי ספק צו די רייפֿסטע לידער־ביכער אין אונדזער פּאָעזיע. און דאָס איז אַזוי, ניט בלויז מחמת דעם, וואָס ער איז נאַטירלעך אין זיין פּאָעזיע. דאָס איז אַזוי מחמת אַן אַנדער טעם. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אין זיינע לידער עלעמענטן, וואָס פֿירן זיין ליד צו העכערע שטאַפּלען, איז ער שוין דעמאָלסט געווען אַ צייטיק־אָנגעלאָדענער פּאָעט, איינער פֿון אונדזערע געציילטע שלימותדיקע פּאָעטן. און אין דער איצטיקער געשטאַלט דערשיינט ער פֿאַר אונדז ווי אַ פּאָעט וואָס שיינט־אויף, לויכט־אויף מיט פּלוצימדיקע ווייטע אַלוזיעס און באַדייטן. אין אַסך לידער פֿון „מיין ליכטיקע נסיעה״ רייסט זיך פּלוצים דורך אַ טאָפּל־שיין; דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך־אויף איבער העלזעערישע דערפֿאַרונגען; און אַלץ פֿאַרשווינדט, פּונקט אַזוי שנעל, — און לאָזט איבער אַ רושם, אַן אנונג פֿון אַן אַנדער וועלט. אָבער דאָס איז אַן אַנדער־וועלטישקייט אין געמיט, אין דער צייטיקייט פֿון אַ פּאָעטס נשמה.

איך האָב דאָ באַטאָנט די ווערטער געמיט און נשמה. פאַר רויזענ־בלאַטס לידער פון די לעצטע יאָרן איז עס זייער וויכטיק צו באַטאָנען, ווייל דער קעגנזאַץ איז דאָ אַן אומדערוואַרטער, אומדערוואַרט לגבי זיין גאַנצן פּאָעטישן דרך. „אַנדער־וועלטישקייט אין געמיט" און „צייטיקייט פון אַ פּאָעטישער נשמה" קריגן אַן אַנדער מיין ביי אַ דיכטער, וואָס זיין דרויסנדיקער אויסזען איז מערסטנטייל געווען קלאָר, בולט, ערדיש, רע־אַליסטיש.

און רויזענבלאַטס רעאַליזם האָט געהאַט טיפע וואָרצלען. ער שטאַמט נאָך פון דער סאָציאַלער תקופה אין אונדזער פּאָעזיע. און אין אַלע וועגן און אומוועגן איז ער געווען אַ פּאָעט־רעאַליסט, — און דאָ פּלוצים — אַ מאָדנער פיל־באַדייטנדיקער דורכלויכט.

ווען מען באַטראַכט אָבער די גאַנצקייט פון רויזענבלאַטס ליד, ווען מען קוקט זיך צו נאָענט צום פּאָעטישן מהלך רב, וואָס רויזענבלאַט איז דורכגעגאַנגען במשך די 45 יאָר פון זיין שאַפן, געפינט מען אויס, אַז די פריער־דערמאָנטע „אומדערוואַרטקייט" איז גאָרניט אַזוי אומדערוואַרט, גאָרניט אַזוי פּלוצימדיק. וואָס מיר זעען באמת אין שיין פון זיין רייפ־קייט, איז די האַרמאָניע פון געוויסע אייגנשאַפטן רויזענבלאַטס, וואָס פריער האָט מען זיי געזען באַזונדער, וואָס פריער האָבן זיי, כלומרשט, ניט דערגאַנצט און ניט דערשאַפן איינס דאָס צווייטע.

אין דער יידישער פּאָעזיע האָט זיך רויזענבלאַט באַוויזן אין 1900. ניט געווען אין יענער צייט קיין איין דיכטער, וואָס האָט ניט געצאַלט צינז דעם אַלהערשנדיקן סאָציאַלן ליד. אפילו אַזעלכע יחידישע דיכטער ווי יוסף יפה און יוסף ראָלניק האָבן געצאָלט מס. וועגן אַנדערע, ווי יעקב אַדלער, יואל סלאָנים, וועגן זיי איז דאָך אָפּגערעדט. אויך רוי־זענבלאַט האָט אַנדערש ניט געקאָנט אָנהייבן זיין ליד, ווי נאָר אין כאָר פון זינגער וועגן סאָציאַלן יושר.

ביים ערשטן דור סאָציאַלע פּאָעטן, די דיכטער פון די שפּעטע אַכציקער יאָרן, איז דאָס סאָציאַלע ליד געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זייער אינערלעך לעבן. אין די ניינציקער יאָרן געפינען מיר שוין סאָ־ציאַלע פּאָעטן, וואָס רייסן זיך צום אַלגעמיינעם ליד. באַוושאַווער איז דער בעסטער באַווייז. אָבער פאַר די דיכטער פון רויזענבלאַטס דור, די וואָס זיינען געקומען סוף ניינציקער אָדער אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט — פאַר זיי זיינען די סאָציאַלע מאָטיוון געווען ווי קייטן. זיי האָבן עס גלייך

דערפֿילט, און מיט אַלע כּוחות האָבן זיי זיך געוואָלט באַפֿרייען, אַראָפּ־וואַרפֿן פֿון זיך די לאַסט פֿון צייט. ניט נאָר האָבן זיי זיך געריסן צום אַלגעמיינעם ליד, נאָר אויך צום פּערזענלעכן מאָטיוו. אייגנטלעך זיינען זיי געווען די, וואָס האָבן דעם באַהאַלטענעם און אונטערדריקטן פּער־זענלעכן מאָטיוו באַפֿרייט און אים אַרויסגעפֿירט אין דער פֿריי. זיי האָבן דערמיט צוגעגרייט דעם דרך המלך, וואָס אויף אים זיינען שפּעטער אַוועק „די יונגע".

ווען צוויי דורות האַלטן זיך ביים אָפּשיידן איינער פֿון אַנדערן, נעמט דער עלטערער דור איבער פֿון דעם ייִנגערן אַזעלכע אייגנשאַפֿטן, וואָס אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי אויך פֿריער געלעבט אין דעם עלטערן דור, נאָר געלעבט אַן „אומלעגאַל", אַ פֿאַרבאָטן לעבן. דער ייִנגערער דור, ווידער, נעמט איבער און אַנטוויקלט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט — און געפֿונען ביים עלטערן דור. רויזענבלאַטס דור האָט טאַקע איבערגענומען דעם אַלגעמיינעם און דעם פּערזענלעכן מאָטיוו, וואָס ער האָט געפֿונען פֿאַרבאָרגן ביי די סאָציאַלע פּאָעטן. ער האָט אָבער אויך איבערגענומען די „טעמע" ווי דעם וויכטיקסטן באַשטאַנדטייל פֿון אַ ליד.

רויזענבלאַט איז אפֿשר דער איינציקער פֿון זיין דור, וואָס איז געווען בכּוח דורכצוגיין אַזאַ אינטערעסאַנטע פּאָעטישע אַנטוויקלונג. אין זיין גאַנג וואָלט אים זיכער געצויגן זיך צו באַפֿרייען פֿון דער „טעמע" אויפֿן חשבון פֿון דער אינדיווידועלער ליריק, האָט ער אָבער אַחוץ דער נטיה צו זיין יחידיש־ליריש, אויך אַ נטיה, און אַ שטאַרקע נטיה, צום פֿאָלקס־מאָטיוו און צו פֿאָלקלעכקייט.

רויזענבלאַט האָט זיך במשך די ערשטע יאָרן באַפֿרייט פֿון סאָ־ציאַלע מאָטיוון, אָבער זיין געזונטער רעאַליזם האָט דערפֿון ניט געליטן. פֿאַרקערט, זיין קערנדיקער רעאַליזם האָט אינם פֿאָלקסמאָטיוו, אינם פֿאָלקלאָר, געפֿונען יענע עלעמענטן, וואָס פֿירן צו עפּישקייט. דאָ איז שוין „טעמע" און „אַרכיטעקטאָנישער" פֿאָלקלאָר געווען ווי צוגעפּאַסט פֿאַר עפּישע מאָטיוון.

איז פֿון איין זייט האָט אים דער פֿאָלקלאָר געפֿירט צו עפּישקייט — דורכן פֿאָלקסטימלעכן ליד, דורך דער באַלאַדע, דעם דערציילערישן ליד. און פֿון דער צווייטער זייט האָט אים דער יחידישער מאָטיוו געפֿירט צו ריינער ליריק.

אין די טיילן פֿון „מיין ליכטיקע נסיעה", וואו ער גיט איבער אַ

רעאַליסטישע טעמע, זעען מיר ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיי דורך זיינע באַלאַדן און „אינהאַלט״־לידער פֿון די ערשטע ביכער. די מייסטערשאַפֿט אין די אָפּטיילונגען „שכנישע הויפֿן״ (גרענד־פּאַ טימאָטהי מעק׳גי; אַן טהי ראָוד טו מענדעלעי; נאַראַזשאַס חלום), „מעשהלעך און באַלאַדן״, „מיססיסיפּי״, וואָס פֿאַרנעמען אַ דריטל בוך — די מייסטערשאַפֿט האָט ער דערגרייכט נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעזעטיקט און אויסגעריפֿט זיין פּאָעטישן חוש מיט זיינע עפּישע ווערק „הרודעס״ און „ליים״. און דער דאָזיקער דערציילערישער און עפּישער דרך איז קלאָר, בולט, קערנדיק אין זיין ווערק „אָדמס קינדער״. און תמיד איז עס אַזוי געווען מיט רויזענבלאַטן: וואָס רייפֿער, דערהויבענער עס ווערט ביי אים דער עפּישער עלעמענט, אַלץ פֿון אַ ווייטערער און אויסגעברייטערטער פּערספּעקטיוו זעט ער זיין טעמאַטישן שטאָף. אויב „הרודעס״ און „ליים״ איז די עפּיק פֿון אַ משפּחה, איז די „שכנישע הויפֿן״, „מעשהלעך און באַלאַדן״, „מיססיסיפּי״ די עפּיק פֿון אַרומיקע, און „אָדמס קינדער״ — די עפּיק פֿון אַ פֿאָלק אין זיין העראָאישער פּרימיטיוו־העראָאישער, ממש סודותפֿולער, ווייט־אָפּגערוקטער דיסטאַנץ.

אָבער דאָ שווימט ווידער אַרויס דער ענין, וואָס וועגן אים האָבן מיר פֿריער גערעדט: רייפֿקייט. אין זיין רייפֿקייט זעען מיר אויך ווי אַזוי דער לירישער עלעמענט וועבט זיך צונויף מיטן עפּישן און מיט זיין אינטערעסאַנטער מאָלערישקייט.

דערפֿאַר איז זיין עפּישקייט אין „אָדמס קינדער״, די אָביעקטיוו־קילע עפּישקייט, דורכגעלויכטן מיט ליריזם, מיט לירישער מאָלעריי, מיט אַ יענע־וועלטישער בלענדיקייט. מערקווירדיקער ווערט עס מחמת דער מאָדנער פּשטות — דער פּשטות ווי אַזוי גאָט גייט אַרום צווישן די מענטשן, איז נאַאיוו ווי זיי, איז פּרימיטיוו ווי זיי. און מחמת דעם איז עס פֿול מיט גרויסקייט און סוד. און דין איז זיין לירישער טאָן און לירישע מאָלעריי אין גאַנג פֿון זיין עפּישן דערציילן. און אידיליש, סודפֿול אידיליש, זעען אויס זיינע ביבלישע מאָטיוון. דער פּרימיטיוו און רויזענבלאַטס מייסטערשאַפֿט דערלאָזן ניט, אַז די אידילישקייט זאָל ווערן צופֿיל אידעאַליזירט, צו איבערטריבן. פֿאַרקערט, זי פֿירט אים צו פּרטים, ממש צו שטייגער־שילדערונג, אָבער אַלץ — דורכגענומען מיט ליריזם, מיט לירישער בילדלעכקייט. אַמאָל גליט עס דורך דורך שורות, אַמאָל דורך גאַנצע סטראָפֿעס:

„און שרה האָט דערפֿילט אַ וואַרעמע הנאה גיסט פֿאַנאַנדער
זיך ביי איר אין לייב.
און שטיל האָט זי אַראָפּגענידערט צו דער אָזערע וואָס
טיף אין טאָל,
כדי די גלידער אירע אָפּצוטונקען אין דער בלויער קילקייט
וואָס אין וואַסער־שאָל.
און שרה האָט געזען איר פּנים, אין אַ מאַטער רויטלעניש,
ווי אַ פֿאַרגייענדיקע זון, זיך הוידען אויף די וועלן פֿון דעם פֿלוס.

און שפּאַרעוודיק האָט זי מיט ציטערדיקע פֿינגער לייכט
אַרויפֿגעשאַרט איר קלייד;
באַרירט דאָס אויפֿגעשוימטע וואַסער לעבן ברעג.
דאָס וואַסער האָט זיך שטילערהייט צעפּעלדלט,
און מיט בראַנזליעטן גאָלדענע באַרינגלט איר דעם פֿוס.
און דרייסטער שוין — מיט מיידלשער פֿאַרפֿירישקייט,
האָט זי דאָס קלייד פֿאַרהויבן און די היפֿטן אָפּגעדעקט —
אַ מינענדיקע רויטלעניש האָט אויף דעם וואַסער־שפּיגל
זיך צעפּלעקט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט; באַהאַלטן זיך הינטער דעם
רוקן פֿון אַ באַרג.
דער אָוונטשטערן האָט אַ וואונק געטאָן און זיך אַנטפּלעקט.
דאָס טונקלע וואַסער־גראָז,ביים ברעג, האָט אויפֿגעאָטעמט,
אָפּגעזיפֿצט״.
(„דריי מענער, אורחים אין אברהמס געצעלט״)

אַמאָל בליט אויף זיין מאָלערישקייט און לירישער געזאַנג אין גאַנצע לידער, אין אַזעלכע לידער ווי „יעקבס חלום״ („און ס׳ציען זיך איבער דעם לייטער מלאכים אין כוואַליעקע שטראַלן״ . . . „און ווערן אין חלום פֿאַרפֿאַלן״ . . . „דאָס פּנים, די אויגן — פֿאַרטרערט; אַ שמייכל, וואָס טרייסט און וואָס טרויערט״ . . . „געזען האָט ער גאָט אַ צעשטראַלטן, אין אָפֿענעם טויער פֿון הימל״ . . .) אָדער אַזעלכע לידער, ווי „פֿייפֿעלעך״. אַ מין לירישע עפּישקייט האָט ער דערגרייכט, אַ מין לירישע אָב־

יעקטיווקייט אין מאָלן, שילדערן, עמאָציאָנעל דורכנעמען זיינע פּאָעטישע פּאָרטראַכטונגען, אָבער אויך עמאָציאָנעל דורכנעמען דעם לעזער. דאָס איז אַ הויכע מדרגה. אויב מ׳האָט אין די פֿריערדיקע יאָרן פֿון זיין שאַפֿן געזען, צייטנווייז, דעם ליריזם זיינעם באַזונדער און זיין עפּישקייט באַזונדער, זעט מען עס איצט ווי אַ גאַנצקייט, אַ גאַנצקייט פֿון אַ פֿיל־באַדייטנדיקן סינטעז.

זיין ליריזם האָט באַלעבט זיין אָביעקטיווקייט, זיין מאָלן, זיין שילדערן. אַזוי האָט אויך זיין עפּישע אָביעקטיווקייט געפֿורעמט, געצאַמט און געהעכערט, געפֿירט אַריבער די אייגענע גרענעצן — זיין יחידישע, זיין ריינע לירישקייט. די לירישע וואַרעמקייט האָט פֿאַראַמאַנטיזירט זיין רעאַליזם, און פֿון דער אַנדער זייט האָט זיין רעאַליזם, זיין ערדישקייט, ניט דערלאָזט, אַז זיין ראָמאַנטיזם זאָל ווערן אַ ראָמאַנטיזם פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, פֿון אַנטרינונג, אָדער גאָר פֿון נאַרציס־אילוזיעס, פֿון קרענקלעכער זעלבסט־פֿאַרהערלעכונג און „זעלבסט״־מאַניעס. דעריבער געפֿינט מען ביי אים לירישע זאַצן, וואָס קלינגען ווי פּסוקים:

„. . . אַ חלום אויפֿגעגאַנגען איז אין מיר —
געלייטערט, העל און פֿיינלעך וואָר . . .״

(„דעמערונג״, ז. 18)

„אַ חלום טאָן; ניט ווייט פֿון דרערד,
און נענטער פֿאָרט צום הימל . . .״

(„אַ באַיקע״, ז׳ 12)

„— ווער עס וואָגלט אין דער וועלט אַליין,
דער דאַרף זיין וועג ניט ווילן״.

(„איך זאָג אַזוי״, ז. 37)

„דער ים באַהאַלט די פּערל
און וואַרפֿט אַרויס דאָס רויג . . .״

(„דריי באַנדורעס״, ז׳ 38)

„— וואָס בין איך אַ סאָווע, וואָס יאָמערט
ביינאַכט אינם ליידיקן שייער?״

(„דאָס פֿרעמדע ליד״, ז׳ 41)

„גאָטס האַנט איז די וואָס גיט,
וואָס היט און פֿירט בשלום,
די שיפֿן מײַנע דרײַ —
מײַן ליד. מײַן פֿרייד. מײַן חלום".

(„לחיים!", ז' 43)

„. . . לאָז מיר דעם אמת פֿאַרגעסן,
הײַנט איז מיר צום האַרצן דער ליגן . . ."

(„דאָס פֿרעמדע ליד", ז' 41)

„ווער ס'לעבט אין חורבות אויס זײַן וועלט —
האָט פֿאַר שדים ניט קיין מורא".

(„איך האָב געווײַנט אַ גרויס געוויין", ז' 67)

„הכנעה־שרעק אין הבלס אויג און מאָרד אין
אויפֿגעביילטן פֿויסט פֿון קין".

(„איך דעק מײַן פּנים אָפּ", ז' 69)

„האָט ער מײַן אויער אויפֿגעשניטן, ווי מען שנײַדט
פֿאַנאַנדער אַ געשוויר,
און אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון מײַן זעל אַרײַנגעלאַכט".

(„ישראל דאַכאַוועור אויפֿן טהרה־ברעט", ז' 71)

אין אַלגעמיין, אַ לירישע שורה, אַ ליריש בילד, אַן אַקאָרד האָט ניט איינמאָל געדינט רויזענבלאַטן (באַזונדערס אין „הרודעס" און אין „ליים") ווי אַ מיטל אומוואַנדלען, איבערצוכישופֿן איין צושטאַנד אין אַ צווייטן, אַ פֿאַקטישן אין אַ דוכטנדיקן, אַן אילוזאָרישן; אָדער — גאָר אַרויסלאָזן גאַנצענע האַנדלונגען און זיי בלויז סוגעסטירן (די געשעעניש מיט שײַנען אין „הרודעס"). אָט־דער צמצום, אָט־די ניט־דערזאָגטקייט, אין לירישן לבוש, פֿאַרוואַנדלט פֿאַקטן אין האַלב־חלומות, די וואָר ווערט אַ רמז, אַ דורכלויכט, אַ צוויי־שײַן.

איבעראַשנדיק זײַנען יענע לידער זײַנע, וואו די איבערגאַנגען בײַטן זיך אין עצם ליד, דורכן גאַנצן תוך פֿון ליד. דעמאָלט מיניען זיך ווירקלעכקייט און סימבאָלן, רמזים און פֿאַקטן, פֿאַרשיידענע באַדײַטן

און פלוצימדיקע דורכלויכטן. צו דעם מין לידער געהערן „פֿון טיפֿן ברוי־נען", „אַ מעשה מיט אַ זייגער", „מיט דיר", „איך דעק מיין פנים אָפּ". די לעצטע סעריע לידער „גאָלדענער מערב" (מיט דער מערקווירדיקער ווילד־שיינער מאָלערישקייט).

אַ שאָד וואָס איך קען זיך ניט דערלויבן צופיל ציטירן, כדי צו ברענגען מוסטערן פֿון די דאָזיקע שיינע לידער. כ'וועל נעמען דאָס קליינע ליד:

אין דיין האַנט

אַריבער די טונקעלע בערג טראָגט דיין האַנט
מיין ליכט אין צעשטראַלטן לאַנטערן.
איך ווייס אַז מיין ליכט וועט אין בלויקייט פֿון נאַכט
פֿאַרלירן זיך צווישן די שטערן.
נאָר דו וועסט אים היטן; זיין שימערן הערן;
אין יעטוועדן שטערן וועסטו אים דערקענען,
אפֿילו ווען ער זאָל פֿאַרלאָשן שוין ווערן . . .

אַ רעגן פֿון שטערן הענגט איבער מיין קאָפּ,
און איינציקווייז זע איך זיי פֿאַלן.
אַ ליכט־שטראָם פֿון באַרג גליטשט אין טאָל זיך אַראָפּ,
צעשאָטן אין הונדערטער קוואַלן.
נאָר דו — לעבן יעטוועדן קוואַל טוסט זיך בויגן;
דו קילסט זיך די ליפּן, דו וואַשסט זיך די אויגן,
און גייסט־אויף — אַ גייזער פֿון שטראַלן.

נאָך מער פֿאַרטיפֿט און פֿיל־רמזדיק איז דאָס ליד „דער שאָטן פֿון איש קריות", וואָס איז סאָציאַל און אינדיווידועל, נאַציאָנאַל און אוני־ווערסאַל, סימבאָליש, היינטצייטיק און אויסערגעוויינלעך סוגעסטיוו:

די לייכטער מיינע — ליימענע.
פֿון טריבן חלב מיינע ליכט.
אַ בעטלער איז מיין אורח היינט.
און איך האָב זיך אויף אים געריכט.

וואָרים צווישן אורחים אָרעמע,
אין הינטערגאַס, געפּינט זיך ס׳רוב,
אַ־דער, אויף וועמען כ׳האָב געוואָרט;
דער עניו און דער למד־וואו.

ביים קאָרן־ברויט, געמישט מיט קלייען;
ביים מוטנעם ליאַג און הערינג־רויג, —
וועט ער זיך טאָן אַמאָל אַ הויב,
און זיך צעשטראַלן פאַר מיין אויג.

דאָס הויז פון גביר שטייט אויפן באַרג.
און מיין כאַלופּקע, ליגט אין ראָוו.
פאַרבלאָנדזשען וועט אַמאָל משיח
צו מיר, ווי היינט דער למד־וואָו.

זיין לייב אין וואונדן. אָן אַ העמד,
די פיס געשוואָלענע. אָן שיך.
אַ שטעקן און אַ טאָרבע אַש —
דער אָרעמאַן וועט זיין משיח.

פון דמיון נאָר אַליין — גייט אויף
אַ ליכטיקייט ביי מיר אין זעל:
אַ חלום פון אַ וויטער וועלט;
אַ זעאונג — קלאָר און וואָר און העל.

און אין מיין פינצטערניש פלאַמט אויף,
מיין האַלב־פאַרחרובט הויז — אַ סנה!
דורכזיכטיק ווערט מיין הויט און ביין.
איך הייב אויף מיינע הענט און זע:

די פענצטער ברענען אויפן באַרג,
ווי אויגן פון צעררייצטע וועלף:
דאָרט זיצן אורחים אָרימע.
איך צייל זיי דורך די פענצטער — צוועלף!

איך צייל די שאָטנס דורך די ווענט.
איך צייל און צייל. די צאָל איז צוועלף!
איך צייל די שאָטנס פֿון די הענט, —
אַן אורח פֿעלט! . . . געבליבן עלף! . . .

נאָר קיין זאַך ווערט מיר שוין פֿון אויג
נישט מער פֿאַרהוילן און פֿאַרדעקט.
כ׳הייב אויף אַ ברעם, אַ האַנט — און זע
דאָס טיפֿסטע טיפֿעניש אַנטפּלעקט . . .

דעם גרינגסטן שאָטן אויפֿן גראָז.
מיין אויג ווערט שפּיציק, אויפֿגעשרויפֿט: —
איש קריות שלייכט זיך דורך דער נאַכט —
ער האָט מיין אורחס בלוט פֿאַרקויפֿט!

נאָר אים, מיין גאַסט, דער אָרעמאַן,
וואָס שלאָפֿט אויף דרערד, ביי מיר אין קיך —
באַשירמען וועל איך פֿון המון! — — —
מיך קען מען ניט!? — — — בין איך משיח!

און שלאָגט מען מיך צום צלם צו —
פֿאַרגיי איך און עס לאַכט מיין בלוט: —
ער שלאָפֿט ביי מיר אין קיך, דער האַר . . .
און איך בין ער! . . . און מיר איז גוט!

ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן דעם וועג, וואָס רויזענבלאַט איז אָפּ־געגאַנגען פֿון זיינע ערשטע סאָציאַלע און פֿאָלקסטימלעכע לידער ביז צו אַזעלכע פֿאַנטאַסמאַגאָרישע לידער, וואָס מיר האָבן דאָ נאָר וואָס דער־מאָנט און ציטירט, מוז מען אים באמת באַוואונדערן. און די חשיבות, וואָס ער פֿאַרקערפֿערט מיט זיך ווי איינער פֿון אונדזערע עלטסטע פּאָ־עטן, לייכט מאָדנע העל און מאָדנע סוגעסטיוו אין דער פֿולער רייפֿקייט פֿון זיין ליד.

מאיר זימל טקאַטש

ה. רויזענבלאַטן

●

דער מאַן פֿון גייסט

1

די קורצע יאָרן גייען גיך,
נאָר גיכער פֿון די יאָרן שפּרייזט
מיט זיבן־מיילנדיקע שיך
דער מאַן פֿון דמיון־רייכן גייסט.

פֿאַר אים דער ים זיין אָפּגרונט שפּאַלט,
די ווייט גענעענט מיט אַ שפּרונג;
ער איז פֿאַרפֿרי פֿון חכמה אַלט
און אַלטערהייט איז ער נאָך יונג.

ער שפּאַנט אַריבער אָרט און צייט,
ווי איבער דרענגלעך פֿון אַ פּלויט,
און אויפֿן וועג צו אייביקייט
ער שפּאַנט אַריבער אויך דעם טויט.

2

בן־שבעים׳דיקער יונגער זינגער,
דו ברענענדיקער ניט־פֿאַרברענטער דאָרן, —
דיין שטים איז איצט נאָך העלער, ייִנגער,
פֿרימאָרגנדיקער פֿונם פֿאַסטעכס האָרן.

נאָר ווער בין איך פֿון אַלע מענטשן
צו בענטשן דיך און שבחים דיר צו זאָגן?
איך וועל אַליין מיט דיר זיך בענטשן
צו זיין אַ קוואַל, וואָס הערט ניט אויף צו שלאָגן.

ל. א. — 2, 20, 48

דער וואונדערלעכער מיטגייער

(ה. רויזענבלאַט, צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובל)

•

פֿון א. לעיעלעס

•

ה. רויזענבלאַט איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר. עס איז אַ יום־טוב פֿאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, ספּעציעל פֿאַר דער יידישער פּאָעזיע.

דער פּאָעט ה. רויזענבלאַט איז ווי אַ לעבעדיקער באַוויז, אַז יאָרן אין אַ שאַפֿעריש און אַקטיוו לעבן האָבן ניט קיין שליטה — ניט אויף גייסט, ניט אויף טאַלאַנט און אויפֿטו.

אויב איך וואָלט ניט מורא געהאַט, אַז מיין גוטער פֿריינט רויזענבלאַט אַליין זאָל אויף מיר ניט פֿאַראיבל האָבן, און אַז זיינע אָנהענגער ספּעציעל פֿון לאָס אַנדזשעלעס זאָלן ניט אויפֿהויבן אַ ויצעקו (און פֿאַר גוטע, וואוילע, טייערע און ביז גאַר גאַסטפֿריינטלעכע לאָס אַנדזשעלעסער אָנהענגער ציטער איך אימת־מות) — יאָ, ווען איך וואָלט ניט געהאַט אָט די אַנגסטן, וואָלט איך געזאָגט:

ה. רויזענבלאַט האָט זיינע בעסטע לידער אָנגעשריבן דוקא ווען זיין שטענדיק יוגנטלעכער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו שימערירן מיט דער נאָבעלער ווייסקייט פֿון זילבער, דאָס הייסט אויף די עלטערע יאָרן.

דאָס מיינט ניט — אייל איך זיך צוצוגעבן — אַז זיינע פֿריערדיקע לידער זיינען ניט געווען גוט. דאָס מיינט יאָ, לויט מיין אָפּשאַצונג, אַז—

דוקא מיט די יאָרן האָט ה. רויזענבלאַט גענומען שרייבן בעסער און בעסער און נאָך בעסער.

#

ה. רויזענבלאַט איז ניט קיין פֿאַראויסגייער אין דער יידישער פּאָעזיע. ער איז אָבער נאָך ווייניקער אַ נאָכגייער. ער איז אַ באמת וואונדערלעכער מיטגייער.

גיט אַ טראַכט, אַז ער שרייבט שוין באַלד פֿופֿציק יאָר, דאָס הייסט, אַז ער איז אין דער דיכטונג דער מיטצייטלער פֿון ראָזענפֿעלדן און וויני־

טשעוואָקין: פֿון יהואָשן און ליעסינען, און איר וועט קריגן יראת־הכּבֿוד פֿאַר דעם זילבער אויף זיין קאָפּ און פֿאַר דער קראַפֿט פֿון זיין פּאָעטישער האַנט, וואָס ווערט ניט פֿאַרטונקלט, נאָר שטאַרקט זיך מיט זיין יעדן נייעם בוך.

זיינע בייסטע צוויי ביכער, „אָדמס קינדער״ און „מיין ליכטיקע נסיעה״ האָבן איבערראַשט ניט בלויז לייענער פֿון פּאָעזיע — זייער צאָל איז קיינמאָל ניט צו גרויס — נאָר אַלע זיינע קאָלעגן די דיכטער פֿון שפּעטערדיקן דור און דורות. דיזעלבע איבערראַשונג האָלט אָן, ווען נאָך עס ווערן אָפּגעדרוקט זיינע לידער אין זשורנאַלן, אין דער ״צוקונפֿט״ און אַנדערע.

#

איך האָב געזאָגט: מיטגייער.

וואָס ווערט דערמיט געמיינט?

עס מיינט אומגעפֿער אָט וואָס:

די יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע האָט זיך אַנטוויקלט אין די לעצטע יאָרן אויף אַ וואונדערלעכן אופֿן. עס זיינען געקומען אַלץ נייע דיכטער־דורות. עס זיינען אויפֿגעקומען שולן, ריכטונגען, שטרעמונגען, דאָס אַלץ איז נאָך אַזוי גוט ווי ניט אָפּגעשאַצט. אויסער צופֿעליקע רע־צענזיעס און גרעסערע אָדער קלענערע קריטישע אַרטיקלען, האָבן מיר אייגנטלעך ווינציק וואָס וועגן דעם אויפֿטו פֿון דער אַמעריקאַניש־יידי־שער דיכטונג אין איר גאַנצער הערלעכער גאַנצקייט. קיין איין סאָליד ווערק. קיין איינע באמת אַרומנעמענדיקע שטודיע.

איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז אָט די אַמעריקאַניש־יידישע דיכטונג, אין איר פֿאַרביקער פֿאַרצווייגטקייט, איז אומגעהייער רייך, עכט און טיף געגנוג, אַז זי זאָל קענען אויסהאַלטן דעם פֿאַרגלייך מיט דער בעסטער פּאָעטישער פּראָדוקציע אין דער „מעכטיקסטער״ שפּראַך.

איז אָט:

געפֿינט זיך אַ יידישער דיכטער מיטן נאָמען ה. רויזענבלאָט, וואָס קען אויך, אגבֿ, גאַנץ גוט די גוי׳אישע, די ענגליש־אַמעריקאַנישע פּאָ־עזיע; הויבט אָן, האָט אומפֿאַרמיידלעך געמוזט אָנהויבן, ווי זיינע מיט־צייטלערס: אַביסל סענטימענטאַל, אַביסל נאַאיוו און פּראָווינציעל, לויטן לשון ניט ווייניק אומבאַהאָלפֿן און האַרצרייסנדיק דייטשמעריש, און — ער ווערט ניט פֿאַרלוירן, ער בלייבט ניט קיין פֿאַרעקשנטער „אַמאָ־ליקער״.

ווי ער וואָלט זיך געזאָגט:

דו, ה. רויזענבלאַט סערדצע, בלייב וואָס דו ביסט, נאָר די אויגן און אויערן אויף דעם, וואָס דאָס יונגוואַרג טוט, זאָלסטו ניט פֿאַרמאַכן.

#

ער האָט, ה. רויזענבלאַט, ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו שרייבן ווי די „יונגע", נאָר זייער אויפֿטו פֿאַר דעם יידישן פּאָעטישן קלאַנג האָט ער זיך געמערקט.

ער האָט ניט געוואָלט איבערקערן קיין וועלטן, ווי די „אינזי־כיסטן" האָבן געוואָלט, נאָר זייער נייעם טאָן און פֿאַרנעם האָט ער זיך געמערקט.

ער איז ניט אַריין אין דער מחנה פֿון די פּראָלעטאַרישע כאַריסטן, נאָר זייער צוגאַנג האָט ער זיך געמערקט.

ער איז ניט געוואָרן איינער פֿון די טראַדיציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך גענומען ווענדן צו די נאַציאָנאַלע מאָטיוון און פֿאַרקניפּן זיך מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, אָבער זייער בענקשאַפֿט האָט ער זיך געמערקט.

זיך געמערקט און אַריינגעוועבט דאָס געמערקטע אין זיינע אייגענע לידער און ביכער און — געבליבן גרינטלעך „ניט קיין אַנדערער", ניט קיין „נייער", נאָר דערזעלבער ה. רויזענבלאַט.

#

צו זיבעציק יאָר איז דאָס זיין גרעסטער אויפֿטו. אַריינזאַפּן אַלץ, קענען זיך ווידער און ווייטער פֿאַריונגן, און בלייבן וואָס מען איז — דאָס איז די מאָס פֿון דער עכטקייט פֿון טאַלענט אין דער קונסט. דאָס איז די מאָס פֿון עכטקייט אויך פֿון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

אַריבער דעם קאָנטינענט, פֿון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפֿיק, שיק איך דאָ מיין אָפֿענע באַגריסונג צום בעל־יובל, וואָס האָט אויך אין פּרט פֿון יאָרן געפֿאָלגט די גוטע טראַדיציע פֿון דערגרייכן פֿולע שבעים און פֿאַרבלייבן יונג און שאַפֿעריש — אַ שיינדל און אַ נחת פֿאַר דער יידי־שער פּאָעזיע און פֿאַר אַלע זיינע קאָלעגן און דיכטער.

ווייטער לאָז איך עס איבער צו די לאָס אַנדזשעלעסער אָנהענגער, פֿאַרערער און באַוואונדערער.

ווי זיי קענען פּראַוועןאַ יובילי, ווי זיי קענען אַרומרינגלען מיט ליבשאַפֿט און גוטס — דאָס קען ניט קיין שום אַנדערע „שטאָט און מוטער אין ישראל".

ה. רויזענבלאַטס דיכטעריש שטייגן

(לויט זיינע לעצטע 2 ביכער: „מיין ליכטיקע נסיעה״ און „אָדמס קינדער״).

●

פֿון ה. גאלדאווסקי

●

זינט עס איז דערשינען די לידער־זאַמלונג „בלויע פֿלאַמען״ אין יאָר 1926, האָט אונדז ה. רויזענבלאַט מזכה געווען מיט דריי ביכער פֿון אויטאָביאָ־גראַפֿישן כאַראַקטער. „הרודעס״ (1930), „ליים״ (1935), און „בעבזיק״ (1940) באַמאָלן דאָס לעבן פֿון אַ יידיש־אוקראַינישער משפּחה אין דער אַלטער היים, איר עמיגראַציע און אירע חבלי לידה ביים איינאָרדענען זיך אין דער נייער היים, אַמעריקע. אַטא די דריי ביכער זיינען געווען ווי אַ קולמינאַציע פֿון דער יאָרן־לאַנגער בענקשאַפֿט נאָך דער היימישער אוקראַינע, וואָס דער דיכטער האָט אויסגעזונגען אין גאָר אַסך לידער אין זיינע פֿריערדיקע ביכער. די עפּישע פֿאָרמע, די לאַנגע שורה, מיט וועלכע די ביכער זיינען געשריבן געוואָרן, האָט זיך געדאַכט צו ווערן דער כאַראַקטעריסטישער אופֿן פֿון אויסדרוק פֿאַר דעם נייעם עטאַפּ אין דעם דיכטערס שאַפֿן. די טעמע אַליין האָט געשיינט צו זיין אַ סימן פֿון זיקנה, פֿון ווען מאַכן אַ סך־הכל פֿון אַ לעבן, צי גאָר אפֿשר אַלס אויס־דרוק פֿון בענקשאַפֿט נאָך די לאַנג־פֿאַרשוואונדענע קינדהייט־ און יוגנט־עלטער. אָבער אין די לעצטע צוויי ביכער דערשיינט פֿאַר אונדז דער דיכטער אין גאָר אַ נייער געשטאַלטונג. עס איז ווי אַ נס וואָלט פּאַסירט מיט אונדזער זינגער, און פּלוצים האָט ער אָנגעטראָפֿן דעם קוואַל פֿון יוגנט, און האָט זיך געלאָזט מיט פֿולן אימפּעט אויף גאָר אַ נייער „ליכ־טיקער נסיעה״. וואוהין האָט עס זיך אַוועקגעלאָזט אונדזער דיכטער? וואוהין פֿאָרט ער עס? אָט דערציילט ער אייך:

איך זע דעם ברעג פֿון רו און בענק
צום ברעג, וואָס ליגט אין שטורעם.

אַהינצו האָט ער עס זיך איצט אַוועקגעלאָזט. פֿרעגט זיך: ווער, אויב ניט אַ יונגערמאַן פֿון אַכצן־צוואַנציק, לאָזט זיך עס אין וועג אַריין צו זוכן דעם שטורעם, זיך פֿאַרמעסטן מיט די ווילדע עלעמענטן פֿון דער וועלט? אָבער נאָך בולטער ווערט אונדז די באַנייטע יוגנטלעכקייט פֿון אונדזער דיכטער, ווען ער אַנטפּלעקט אונדז דעם צוועק פֿון זיין נסיעה:

נאָר האָפּן האָף, איך, איך וועל מיין
רוסאלקע נאָך געפֿינען.
מיין שיפּל־שאָטן, גרינג און לער,
וועט שווימען, שווימען, שווימען. (ז. 14)

עס איז ניט בלויז אַ בריהן־זיך, אַ מאַכן־זיך־האַרץ. אונדזער דיכטער גלויבט אין דעם באמונה שלמה, איר קענט אים ניט פֿאַרסטראַשען אפֿילו מיט אַ זיבעציק־יאָריקן יובילײ, מיט גרויע האָר און מיט נאָך אַזעלכע סימנים פֿון עלטער. ער ענטפֿערט אייך גלייך:

וואָס ס'איז ניט געשען, קען געשען נאָך בשעת
די זון האַלט ביים סאַמע פֿאַרגייען.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס דאָ און דאָרטן צאָלט ער צינדז די יאָרן:

סע שפּעט, ביסט מיד, מיין גרוי־ווייס פֿערד.

אָדער:

דאָ ערשט געווען אַ גאַסט,
פֿאַרווײלט אַ קנאַפּע שעה.
געלאָזט דריי זאַנגען רויך.
געווען — און איז נישטאָ! (ז. 34)

דאָס לאַנד פֿון אייביקער רו איז נאָר אַ מעשהלע אַזאַ, וואָס דער דיכטער האָט געהערט. ניט אַהין ציט זיין זעגל־שיף. ער גייט אין שטורעמס פֿון דווקא, מערקט איך, מאַרצאָווע ווינטן, צווישן וועלכע עס פֿאַרכאַפּן אים דווקא מענטשן פֿון שטורעם, וויל:

ווער עס וואָגלט אין דער וועלט,
דער דאַרף זיין וועג ניט ווילן.
די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט —
די טעג ? — ווער דאַרף זיי ציילן ?

און ווי זאָגט דער דריטער וואַגאַבונד פון די דריי באנדורעס : (ז. 38)

כ׳האָב אַלץ נאָך ליב די ימען,
די זעגלען, וויס און גרוי.
כ׳האָב אַלץ נאָך ליב מיין בראנפן
און די פאַרשייטע פרוי.
פאַרפאַלן. כ׳וועל אוודאי
שוין פגרן אַזוי.

די מענטשן פון שטורעם ווערן זיינע העלדן. אין איין ליד נאָכן צווייטן מאָלט ער פאַר אונדז דעם וואַגאַבונד, דעם בראָדיאַגע, דעם מענטשן, וועלכער האָט אָפּגעבונדן זיך פון אַלע התחייבותן און וואַנדערט זאַרגלאָז איבער דער וועלט. נאָר זיין טרונק און זיין ליד, און זיין ברויזנ־דיק האַרץ זיינען טרייע באַלייטער אויף שטורמישע שליאַכן. אַזוי זיינען די לידער : „דריי באנדורעס״, „דאָס פרעמדע ליד״, „לחיים״, „אָן דהי ראָוד טו מענדעלעי״, „נאראזשאס חלום״, „דער בונט פון איינעם״.

יעדע איינגעזעסנקייט איז אים פריקרע. דאָס גליק איז בלויז אַ בייזע שלאַנג (נאראזשאס חלום, דער אָרעמאַן און די גאָלדענע שלאַנג), וואָס עסט אויף דעם מענטשן. גרענדפאַ טימאָטי מעק׳גי בויט אויף זאַמד. די שטאָט עסט אויף ניט נאָר זיין פראַצע, נאָר אפילו זיין משפחה. אַזוי איז אים דערווידער די שטאָט (וואָס איז אַלעמאָל געווען דערווידער ה. רויזענבלאַטן, דעם אוקראַינער דאָרפס מענטשן), אַז די שטאָט מיט איר הור־האַ האָט באַשאַפן גאָר אַ לץ־מכשף.

#

אין ה. רויזענבלאַטס באַנייטער יוגנטלעכקייט הויבט ער אָן צו לערנען בראשית אין „אָדמס קינדער״. עס איז זייער שווער זיך פאָרצו־שטעלן, וואָס אייגנטלעך האָט עס דער דיכטער באַצוועקט מיט אָט דעם בוך. צי האָט ער באַצוועקט איבערצוגעבן אונדז דעם חומש אין זיין באַ־

לייכטונג, און דאָס איז נאָר דאָס ערשטע בוך פֿון חומש. צי האָט ער געוואָלט אונדז איבערדיכטן נאָר די לעגענדעס וועגן דעם וועלט־באַשאַף און די אבות. ווי עס זאָל ניט זיין, לייענט זיך דער בראשית, ווי אַ גוטער זיידע וואָלט דערציילט די חומש־מעשהלעך פֿאַר זיינע אייניקלעך אין אַ פּשוטער, לייכטער, פֿליסנדיקער שפּראַך. דאָ און דאָרטן אָבער פֿאַר־געסט זיך ה. רויזענבלאַט, אַז ער דערציילט איבער דעם חומש און דער־לויבט זיך אַריינצושטעלן זיינע אייגענע הגהות, זיינע אייגענע באַלייכ־טונגען צו די דערשיינונגען. געוויס האָבן די הגהות און באַלייכטונגען אַלע חנען און ניואַנסן פֿון ה. רויזענבלאַטס טאַלאַנט, אָבער מיר דוכט זיך פֿאַרט, אַז אַם שענסטן איז ער, ווען ער דיכטעט איבער דעם חומש, ווי למשל אין דעם געמעל פֿון דער מוטער שרהן . . . (ז. 43) נאָכדעם ווי זי הערט די בשורה, אַז עס איז איר באַשערט צו האָבן אַ זון און זי לאַכט:

און שרה האָט דערפֿילט אַ וואַרעמע הנאה גיסט פֿאַנאַנדער זיך
בײַ איר אין לײַב.
און שטיל האָט זי אַראָפּגענידערט צו דער אָזערע, וואָס טיף
אין טאָל,
כדי די גלידער אירע אָפּצוטונקען אין דער בלויער קילקייט,
וואָס אין וואַסער־שאָל.
און שרה האָט געזען איר פּנים אין אַ מאַטער רויטלעניש,
ווי אַ פֿאַרגייענדיקע זון זיך הוידען אויף די וועלן פֿון דעם פּלוס.

און שפּאַרעוודיק האָט זי מיט ציטערדיקע פֿינגער לייכט
אַרויפֿגעשאַרט איר קלייד;
באַרירט דאָס אויפֿגעשוימטע וואַסער לעבן ברעג.
דאָס וואַסער האָט זיך שטילערהייט צעפּעלדלט
און מיט בראָנזליעטן גאָלדענע באַרינגלט איר דעם פֿוס.
און דרייסטער שוין מיט מיידלשער פֿאַרפֿירישקייט
האָט זי די קלייד פֿאַרהויבן, און די היפֿטן אָפּגעדעקט.
אַ מינענדיקע רויטלעניש האָט אויף דעם וואַסער־שפּיגל זיך
צעפּלעקט.

אָדער אברהמס איבערלעבעניש נאָך שרהס טויט (ז. 56):

און נאַכט אויף נאַכט האָט זיך אברהם, אַ טריבער, איינגעהערט
צום זיפּצן פֿון דעם גראָז אין פֿעלד פֿאַר שרהס הייל,
צום שטילן קלאָגן פֿון די ביימער אין דעם ווינט,
צום טרויער אין זיין אייגן האַרץ, וואָס שפּינט
דעם גרויען פֿאָדעם פֿון זיין לעצטער שעה,
און צו דער איינזאַמקייט, וואָס האָט צו אים גערעדט,
און אים דערמאָנט, אַז שרה איז ניטאָ.

נאָר דער פּרייז אין דעם בוך, לויט מיין מיינונג, קומט דעם ליד „פּייפּעלעך". דאָס זיינען די דודאים, וואָס ראובן האָט געפֿונען און האָט זיי געבראַכט צו זיין מוטער לאהן, צו פֿאַרכישופֿן יעקבן. רחל דערהערט וועגן דעם און וויל האָבן די פּייפּעלעך. אין אָטאַ דער געשפּאַנטער דראַמאַטישער סיטואַציע, ווי רויזענבלאַט גיט עס איבער, איז דאָ אַזוי פֿיל קלאַנג, געזאַנג, אמתע מזרחישע און מענטשלעכע עראָטיק, אַז עס בלייבט איינגעקריצט אין זיכרון. און דאָך קומט אויס, אַז די חומש־מאָטיוון וואָלטן געווען פֿיל וואַגיקער, ווען זיי וואָלטן אַלע איבערגעדיכטעט געוואָרן און ניט, ווי אין פֿילע פֿון זיי, בלויז איבערגעגעבן געוואָרן, ווי זיי שטייען און גייען אין חומש. אין אַסך לידער פֿון „אָדמס קינדער" האָט ה. רויזענבלאַט אַריינגעלייגט אָן אַ שיר פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן מענטשן און זיין געראַנגל אין דער וועלט, זיין דערהויבן זיך און זיין אַרונטערפֿאַלן אין ראַמען פֿון וואונדערלעכע נאַטור־געמעלן. געוויס האָבן זיך ניט אַלע לידער גלייך איינגעגעבן. אָט איז לויט מיין מיינונג דווקא יעקבס באַגעגעניש מיט רחלען איבערגעגעבן געוואָרן שוואַך. אַסך וויכטיקע מאָטיוון זיינען ניט באַרירט געוואָרן, ווי דער קאַמף צווישן אברהמען און לוטן. אברהם אַליין איז ווי פֿון הימל אַרונטערגעפֿאַלן. זיין „לך־לך", זיין אָוועקלאָזן זיך וואַנדערן, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער און קאַרדינאַלער מאָטיוו, פֿעלט אינגאַנצן אין דעם בוך. אַזוי איז אויך אויסגעלאָזן יעקבס געראַנגל מיטן מלאך און דער אומבייט פֿון זיין נאָמען אויף ישראל. אָט די אויסגעלאָזענע מאָטיוון איז אַ שאָד.

„אָדמס קינדער" איז אַ בוך, וואָס פֿאַראינטריגירט אי מיט זיין מאַלערישקייט אי מיט דער פּסיכישער אַרויסשטראַלונג פֿון די וואויל־באַקאַנטע ביבלישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן

אזוי פשוט מענטשלעך דורך אונדזער ליבן דיכטער אין דער נייער פּע־ריאָדע פֿון זיין שאַפֿן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּעריאָדע? וואָס פֿאַר אַ נייעסן האָט ה. רויזענבלאַט אַרויסגעוויזן דאָ אין בוך? ראשית, האָט ער זיך באַפֿרייט סוף כּל סוף פֿון זיין אוקראַינע. נאָר צוויי לידער אין דעם בוך „מיין ליכטיקע נסיעה״: „ברויט״ און „ברויט מיט מילך״ קענען צוגעשריבן ווערן צו זיין אידילישער „אינדערהיימישקייט״. די מערסטע לידער זיינען לויט דער טעמע אַמעריקאַניש, יידיש־פֿאָלקסטימלעך (אין די מעשהלעך) און אַפֿילו „פֿון אונדזערע טעג״. דער אָטעם פֿון אונדזער צייט פֿילט מען אין די תּפֿילות, וואָס אונדזער דיכטער זאָגט אין אונדזער מאוימדיקן פֿאָלקס־אומגליק:

א, גאָט, אַנטפּלעק פֿאַר מיר דאָס מוראדיקע וואָרט,
וואָס זאָל דעם הימל שפּאַלטן און אַ טרייסל טאָן די ערד!
אָ, העלף מיר, גאָט, אָ, העלף!
די נאַכט איז מיר אַ הייל פֿון פֿינצטערע גזלנים.
די שטערן — ברענענדיקע אויגן פֿון צערייצטע וועלף.
און די לבנה איבער מיר — אַ בלוטנדיקע שווערד.

אָדער

פֿון מיין טיפֿן קוואַל יסורים
האָב איך מער ניט אָפּגעשפּאָרט,
ווי אַ קללה פֿאַר דעם שונא,
נאָר מיר פֿעלט פֿאַר איר דאָס וואָרט!

ער האָט ניט קיין ווערטער פֿאַר אונדזער גרויסער פֿאָלקס־טראַגע־דיע. צו שוידערלעך איז דער בראָך און מיר זיינען צו נאָענט צו אים, אין צייט, צו קענען מאָלן אונדזער גרויסן, דעם גרעסטן צער אין אונ־דזער פֿאָלקס לאַנגיאָריקער געשיכטע. נאָר ווילדע אויסגעשרייען, נאָר האַלב־שטומע תּפֿילות רייסן זיך אַרויס פֿונם צעווייטיקטן האַרצן.

דאָך ניט נאָר מיט דער טעמאַטיק איז ניי אונדזער דיכטער אין זיינע לעצטע צוויי ביכער. ער איז אויך ניי מיט זיין פֿערז און מיט זיין סימילע, מיט זיין פֿאַרגלייך. אין די נייערע לידער זיינע פּרעדאָמינירט

די קורצע שורה. דאָ און דאָרטן טרעפֿן זיך נאָך לידער מיט לאַנגע שו־רות. אַמאָל איז אַ ליד אויך אַ געמיש פֿון לענגערע און קירצערע שורות (ווי אין „דעם בונט פֿון איינעם"), אָבער על פּי רוב איז די שורה קורץ און דאָס ליד איז פֿול מיט פּראַכטפֿולע איבערראַשנדיקע און אייגנאַר־טיקע סימילעס. איר טרעפֿט עס גלייך, ווי איר עפֿנט דאָס בוך, אין דעם ערשטן אויטאָביאָגראַפֿישן ליד:

גערבראַכט האָט הירש ריסאָשער חיימלען אין גאָלדן לאַנד,
ווי אַ גוי להבדיל ברענגט צושלעפּן אויפֿן קאַרק
פֿון נאָנטן דאָרף אין שטאָט אַריין אַן ענדיק אין אַ זאַק,
וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט צו פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק.

אָדער

די ערד, וואָס אונטער דיינע פֿיס —
אַ ראָגאָזשע צום טרעטן.
די וועלט — אַ שענק, און דו — אַ גאַסט,
וואָס קומט דאָ אומגעבעטן.

אוודאי וואָלט מען געקאָנט ברענגען נאָך אַן אַ שיר ביישפּילן פֿון אָריגינעלע פֿאַרגלייכן, אָבער די פּאָר אויבנגעבראַכטע וועלן אונדז שוין געבן דעם באַגריף וועגן דער שטאַרקייט און אייגנאַרטיקייט פֿון דער נייער סימילע ביי ה. רויזענבלאַטן. אַזוי זיינען אויךביידע ביכער פֿול מיט וואונדערלעכע געמעלן פֿון נאַטור און פֿון מענטשן. אָבער צו דעם זיינען מיר שוין מער אָדער ווייניקער געוואוינט צו דערוואַרטן אין די ווערק פֿון אונדזער דיכטער. וואָס עס איז ניי איז די קלינגעוודיקייט און זינגעוודיקייט פֿון זיין פֿערז און די פֿליסיקייט פֿון זיין שורה. און דאָס איז ניט גלאַט אַזוי זיך. ה. רויזענבלאַט איז זיך מודה, אַז נאָר מיט גרויס מי גיט זיך אים איין צו באַהערשן דעם שטעכעדיקן יידישן וואָרט:

פּירעקעכיק, שטעכעדיק יידישער אות,
מיין טונקעלע תּפֿיסה, מיין ליכטיקער שלאָס!

אַט איז דאָס וואָרט אַ שטײנערנע נאַרע און אַט אַ פּוכיקע בעט, אַט אַ פֿעסטונג, אַ מויער, אַ פֿענצטער מיט גראַטעס, די הענט אין קייטן און אַט ווערט צערונען די תּפֿיסה און עס עפֿנט זיך אויף אַ ברייטער הימל. רויזענבלאַט קעמפֿט מיט דעם וואָרט דעם אומגעהובלטן און באַ־קעמפֿט אים סוף כל סוף. און דאָס איז דערפֿאַר, ווייל דאָס וואָרט איז אים הייליק. זיין מיסיע (אַלס דיכטער) געטלעך, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ליד „דאָס וואָרט״:

דאָס וואָרט זיינס אָבער ליכט און נס

איבערלייענענדיק די צוויי ביכער פֿילט מען ווי דער וואונטש פֿונם דיכטער, ווי זיין תּפֿילה:

מיט דעם אָוונט־שטערן אויפֿגיין זאָל מיין ליד

וואָלט דערהערט געוואָרן, און וואָלט אָנגענומען געוואָרן. און דאַן גייט אויף אין האַרצן דעם דיכטערס ווענדונג צום לעבן:

מיט אַ האַרץ, אַן אויסגעלייטערטס,
מיט אַ ליכטיק־גרינג געמיט,
ווי אַ תּפֿילה, וויל איך ברענגען,
לעבן מיינס, צו דיר מיין ליד!

זאָל טאַקע אַזוי אויך ווייטער געשען, ליבער חבר און דיכטער.
לך בכוחך זה והצלח
אַזוי גיי ווייטער אויף דיין וועג
און באַגליק!

דיכטערישע פֿאַרגאַנצטקייט אין לעצטן סך־הכל

•

פֿון מאַטעס דייטש

•

דער פּאָעטישער וועג צו דיכטערישער פֿאַרגאַנצטקייט איז תּמיד דער לענגסטער; און כאָטש ער איז ניט אַלע מאָל, ביי אייניקע פּאָעטן, געווען דער גלייכסטער, פֿאַרקערט — דער קרומסטער, איז ער דערפֿאַר ביי ה. רויזענבלאַטן שטענדיק געווען דווקא דער גראַדער דרך, וואָס סוף כל סוף מוז יעדער שלימותדיקער דיכטער זיך לאָזן אויף אָט דעם וועג.

קיינער פֿון די תּוכיקע און נאַציאָנאַלע דיכטער, סיי ביי אונדז און סיי ביי די אומות העולם, האָבן דעם דאָזיקן וועג ניט דורכגעמאַכט דורך קפֿיצת־הדרך, רויזענבלאַט אויך ניט. אדרבא, ער האָט כּל ימיו געאַר־בעט אויף זיך זייער שטאַרק, ווי אַ מיענדיקער האָרעפּאַשניק; ער איז גראַד געווען אַ פּאַוואָליעדיקער גייער צו זיך, צו דער וועלט און צו דער קלאָרקייט פֿון קינסטלערישער עקספּרעסיע און איר מייסטערהאַפֿטער צימצומדיקייט.

ער האָט פֿיל געזוכט אין פֿאַרשיידענע האָריזאָנטן ביז ער האָט געפֿונען דעם וועג מיט דער ליכטיקער קלאָרקייט.

און כאָטש אַסך זיינען דווקא מיט דער מיינונג, אַז דערגרייכן דעם מהות פֿון שאַפֿן איז אַ מזל־זאַך; אויב דאָס שטיקעלע מזל שפּילט נאָר צו, איז ער דערגרייכט מיטן צווייטן צי דריטן בוך, און אַמאָל קומט מען מיטן פֿינפֿטן בוך צו צום שלימותדיקן דרך, האָט אָבער קיינמאָל אַ פּאָעט, ניט ביי אונדז און ניט ביי דער וועלט, ניט באַוויזן מיט זיין ערשטן בוך און אפֿילו ניט מיט זיין צווייטן, צו דערגרייכן פּאָעטישע פֿאַרגאַנצטקייט.

און דאָס איז דווקא ניט דערפֿאַר אַליין, וואָס דעם פּאָעט שטייט פֿאַר אַ שווערע האָרעוואַניע זיין גאַנצן לעבנסוועג פֿון שאַפֿן, נאָר גאָר פּשוט: דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט גופֿא שטייט פֿאַר דער זעלבער שווערער פּראָצעס פֿון זיך אויסוויקלען פֿון די גראָבע שאָלעכצן און שאָרסקע הויטן — קומען צו דער קולטורעלער אַנטוויקלונג; קומען צום

האַריזאָנט וואו ער געפֿינט זיין אָנהאַלט, זיין גלויבן צו וועלכן ער מוז אַליין דערגיין און ערשט דערנאָכדעם אים איינוויקלען אין דער קינסט־לערישער ספּיריטועלער קלאָרקייט און צימצומדיקייט.

ס׳איז איבעריק צו ברייען, אַז אָן דעם ריכטיקן גלויבן קאָן קיין שום פּאָעט, קיין שום קינסטלער, באַין אופֿן ניט דערגרייכן זיין פֿאַרגאַנצט־קייט און צוקומען צו אָט דעם סוף כל סוף איינציקן קינסטלערישן דרך: ספּיריטועלע קלאָרקייט.

און אָט דאָס איז אָן ספק די העכסטע מדרגה.

רויזענבלאַט איז דער פֿולבלוטיקער, זאַט־ערדישער אוקראַינער. און ווי אַ געבירטיקער אוקראַינער איז ער, בנוגע שפּראַך, ווי דער מעדיום פֿון וואָרטקונסט, פּונקט ווי דער זיידע מענדעלע, שלום עליכם, ביאַליק, ל. שאַפּירא און בערגעלסאָן — דער גרויסער קערנדיקער דברן, דער באַריידעוודיקסטער עפּיקער, וואָס דאָס יידישע וואָרט, ווערטל און אידיאָם, בלייבן חלילה ניט שטעקן ביי אים אין אַרבל, נאָר אדרבא, עס ציט נאָך די זאַפֿטן אַזוי פּרוכפּערדיק, ווי דער המשך, זינט רבי לוי יצחק דעם בערדיטשעווערס צייטן אָן. רויזענבלאַט, פּונקט ווי זיינע פֿאָר־גייער, איז דער גרויסער וואַלאָר, וואָס האַלט אין איין אָנשפּיקעווען דאָס יידישע מאַמע־לשון מיטן לעבעדיקסטן וואָרט פֿון פֿאָלקישן רעדנסאָרט און דערהייבט עס צו קלאַסישקייט. חוץ לזה, טראָגט רויזענבלאַטס ליד דעם אָנגענומענעם חותם פֿון וועלט־קלאַסישקייט.

דער גאַנצער רויזענבלאַטיזם איז די סענסועלע פֿאַרקערפּערונג פֿון פֿאָלקישער זאַט־ערדישקייט אין קלאַסישן נוסח.

אָט איז איין אילוסטראַציע.

די יידישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט דריי מילן:

פּרץ הירשביינס — ראָמאַנטיש־דראַמאַטישע (ליפּעס מיל). ה. רויזענבלאַטס — עפּישע (אלקנהס מיל). און יוסף ראָלניקס — לירישע (אָרום דער מיל).

אלקנהס מיל איז געבענטשט מיט דער ברכה פֿון ויתן לך: אין דער פּאָעטישער פֿעדער פֿון זיינס אַ געדעכעניש ווימלט מיטן מטל השמים און מיטן משמנה הארץ אין דער ברייט און אין דער לענג פֿון זיין ליטע־ראַרישן פּאַרזיי.

איך האָב ליב פּאָעטן (שעפֿער בכלל) וואָס פֿאַרמאָגן גרויסע פֿאַר־מעסטן, באַזיצן גרויסע ליידנשאַפֿטן צו פֿילרייכקייט אין זייער אויסדרוק,

צו שילדערן מיט אַלע פּישטשעווקעס אַ קעגנשטאַנד, צו דעטאַליזירן ביים אָפּמאָלן אַן אָביעקט; ביי מיר איז אָט־דער דער גרויסער דיכטער און קינסטלער, וואָס קאָן קיינמאָל ניט זעטיקן זיינע באַרופֿענע אַפּעטיטן. עס מאַכט ניט אויס, אויב ער צעברילט זיך און צעהיצט זיך ווי אַ לייב (ווען זיין קרבן געלינגט אַנטרונען צו ווערן), אָבי אײנם באַשאַף זאָל זיך שפּירן דער ריח פֿון דער ערד און דער שוייס פֿון לעבן, דער ברען פֿון צערייצט זיין בעתן באַהערשן און גובר זיין — טריאומפֿירן ווי דער מייסטער אי־בערן „ליים" און איבער די „הרודעס" ווען ער באַהעפֿט זיך אין דער גע־בענטשטער רגע מיט די יחוסדיקע „בלויע פֿלאַמען" פֿון דער אייביקער יצירה.

רויזענבלאַט באַזיצט אָט די קוואַליטעטן און איז געבענטשט מיט דער מדרגה פֿון אָט דער זאַט־ערדישער עליה, וואָס קומט פֿון אונדזער אַלטער ברכה: ויתן לך . . .

לייענט אָקאָרשט זיין פּאָעמע „ברויט" און די סלינע הויבט אָן פֿליסן אין מויל, די נאָזדרעס צעפּעכערן זיך פֿונם שמעקעוודיקן געבעקס בשעתן לייענען, און ווי זאַט עמיצער זאָל זיין, פֿאַרגליסט זיך אים איינצובייסן זיינע ציין אין אַן אָקרייעצל ברויט, אַזוי תאוהדיק ווערט דער אַפּעטיט צערייצט.

אָט דאָס איז דער כוח פֿונם גרויסן מייסטער.

לייענענדיק די דאָזיקע פּאָעמע ווערט מען באמת כחומר ביד היוצר; ער טוט טאָן מיט אונדז, דער מייסטער קינסטלער, וואָס ער וויל; און אַלץ אין אַ כהרף־עין; דער גאַנצער אַרום ווערט אָנגעפֿילט מיט דער שפּע פֿון אלקנהס מיל — מיט דער מזל־ברכה פֿון רויזענבלאַטס פּאָעטי־שער פֿעדער.

איז טאַקע רויזענבלאַט איינער פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע פּאָעטן.

וואָס איז דער ערשטער סימן צו דערקענען אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט?

פּשוט. ער טראָגט אויף זיך די פֿאָלקישע אינסיגניע — פּשטות. די קלאַסישע פּשטות, וואָס דורות און תקופֿות האָבן געאַרבעט אויף איר אינם לעבנלאַנג פֿון אַ פֿאָלקס לעבענסגאַנג.

און אָט דאָ איז נייטיק נאָך איין אילוסטראַציע:

ווען שפּראַך זאָל אונדז דינען בלויז אויף צום ריידן, וואָלטן מיר זיך געקאָנט דערלויבן צו טוישן זי אויף אַן אַנדערער, ווען נאָר ס'איז באַקוועם פֿאַר אונדז, אָבער אינם לשון פֿון אַ פֿאָלק ליגט ניט בלויז רייד, נאָר ס'איז פֿאַרבאָרגן אין דער שפּראַך די נשמה פֿון דורות, זייער אַרט

דענקען און פֿילן, זייער וועלט־באַנעם, זייערע שמחות און מפּלות, האָפֿע־נונג און גלויבן — אידעאַלן און לערעס. בקיצור, אין דער שפּראַך ליגט ניט נאָר דער האַנדל־וואַנדל ווי אַ בלויזער גראַם־שטראַם צום רומל פֿונם פֿאָלקס גורל, נאָר עס ליגן אָנגעפּראָפּט גרויסע קינסטלערישע וויזיעס, אַנטפּלעקונגען — נבואה.

שפּראַך איז די עקזיסטענץ פֿון לעבעדיקע דורות און זייער גייס־טיקער מי; דער ניוואָ פֿון העראָאיש־דראַמאַטישע עפּאָכעס; אין לעצטן סך־הכל — די פּאָטענץ פֿון אַ פֿאָלקס מצב, זיין ספּעציפֿישע גייסטיקע פֿיזיאָנאָמיע און ביאָגראַפֿיע — קולטור.

און אָט די דאָזיקע פֿיזיאָנאָמיע לאָזט זיך ניט אונטערגראָבן, אפֿילו ניט בייטן אַזוי גרינג, ווי שונאים וואָלטן וועלן; זי ווערט דער תמצית פֿונם פֿאָלקס מהות און תכלית — דער שעפֿערישער אָנטרייבנדיקער כוח ביי זיינע קינסטלער, דענקער, פּאָעטן, שריפֿטשטעלער און וויסנשאַפֿטלער. ס'איז איין פֿאָלקישער צוזאַמען, אינם קיום און אינם באַוואוסטזיין, וואָס טראָגט אויף זיך די נאַציאָנאַלע אינסיגניע.

רויזענבלאַטס שאַפֿן טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון אָט דער פֿאָלקסטימלעכער אינסיגניע. ס'איז אַ כלי, וואָס לאָזט זיך צו אונדז דער־קענען ניט בלויז מיט איר דרויסנדיקער פֿאָרם, נאָר טאַקע אויסשליסלעך מיטן תלמודישן באַגריף: אלא במה שיש בו.

רויזענבלאַטס שאַפֿן האָט אין זיך פֿרעזערווירט דעם דורותדיקן חן פֿון אַ פֿאָלקיש־פּאָעטישער קאָנטינואיטעט, וואָס איז איינס מיט דער אויסגעקריסטאַליזירטער אָנגענומענער און דער עיקר — איינגענומענער וועלט־חכמה.

און צווישן פֿעלקער ווערט זי דערקענט ווי דער יידישער און נאָר דער יידישער ווייזאַרטיקער אופֿן פֿון זיך־גיבן און זיך־אַוועקשטעלן אין דער וועלט, ניט ווי אַ צופֿאַל, נאָר ווי דער פּועל יוצא פֿון דער יידישער וועזנטלעכקייט אויפֿן ערדישן קיילעך, און אפֿשר אויך — אין מאָמענטן ווען מיר קוקן אַרויף צו די הימלען — זוכנדיק די העכערע וועלטן פֿון רעכטפֿערטיקייט — זיינען מיר מיט אונדזער יידישער וועזנטלעכקייט אויך און הויך אין אָט דער הימלישער ספֿערע...

און ס'איז אוודאי אַזוי!

יידיש שאַפֿן איז דער באַווייז דערויף.

רויזענבלאַט איז אין זיינע לעצטע סך־הכלען פֿון זיינע רייפֿע יאָרן, דערגאַנגען צום קלאָרן און אייביקן שיין פֿון ביבלישער עפּישקייט. ער

האָט, ווי אַסך פֿון די עפּישע וועלט־מייסטערס איבערגעפֿורעמט דעם דערציילערישן געניוס פֿון חומש. אין זיין בוך „אָדמס קינדער" האָט ער אויף זיין אייגנאַרטיקן אוקראַינישן שטייגער, אין פֿאָלקיש־פּאָעטישן אופֿן, איבערגעדיכטעט די מסורה, זינט בראשית אָן, ביזקל די לעצטע טעג פֿון יעקב אבינו.

אים, ווי נאָך פֿילע מייסטערס פֿון דער וועלט, האָט זייער שטאַרק אַפּנים אימפּאָנירט די קינסטלערישע פּשטות פֿון דערציילן און באַמאָלן יענע פֿריצייטן, ווען הימלישקייט און ערדישקייט זיינען געווען פֿאַרקניפּט מיטן מענטשנס נפֿש און מיט זיין אָבזערוואַציע, ווי איין קאָלאָסאַלער — איינס. רויזענבלאַט איז פֿול מיטן לעבעדיקן רעדנסאַרט פֿון די ביבלישע פֿארלויפֿן און זיין שפּראַך פֿליסט ביי אים אבותדיק ווי פֿון די פּאַטריאַר־כישע לעפֿצן אַראָפּ אין איר גרויסער תמימות, אַז איר דערפֿילט די פֿרומע געהאָרכזאַמע גנעדיקייט צו גאָט און צו זיין וויינגאָרטן — די יונגע וועלט אין דעם מענטשנס קינדהייט־יאָרן . . .

אָט דאָ־אָ איז רויזענבלאַט דער גרויסער באַהעלפֿער צום באַשע־פֿער גופֿא, ווייל ער העלפֿט אים צו אין זיין באַשאַף. ער באַשאַפֿט די איינציקע טרייסט פֿאַר דער אורטימלעכער מוטער חוה — די טרער אויף צו באַוויינען איר דערמאָרדעטן זון הבלען; דעם ערשטן קרבן פֿון רציחה, דער אָנהייב פֿון — ברודער־מאָרד. אין אָט דעם ליד „הבל", זעט מען, דורכן כוח פֿונם מייסטער, ווי די ערשטע טרער פֿון דער מוטער חוה איז שוין געווען דאָס אומבאַהאָלפֿענע געוויין און דער אומפֿאַרמיידלעכער קוואַל פֿון אַלע וועלט־טרערן. עס רופֿט אַרויס דעם געדאַנק אַז, כדי אָפּצושאַפֿן די לעצטע טרער פֿון דער וועלט, מוז מען אויך האָבן דאָס גע־פֿיל און די מורא פֿאַר דער ערשטער טרער . . .

מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַסך גרויסע פּאָעטן. אונדזער געשיכטע האָט אָנגעטאָן דעם יידישן פֿאָלק די הערלעכסטע קרוין און זי האָט אויך ניט פֿאַרגעסן אין אונדזער צייט; אונדזער דור האָט זוכה געווען אַריינ־שטעקן אין דעם יידישן לאַץ, די קאָלירפֿולסטע און שמעקנדיקסטע — רויזען—בלאַט.

רויזענבלאַט איז אַ דערגאַנגענער, אַ רייפֿער און אַ פֿאַררונדיקטער — דער פֿאַרגאַנצטער דיכטער אין דער יידישער קונסט פֿון פּאָעזיע.

זיין ליד איז די פֿאַרגאַנצטקייט אין אונדזער לעצטן קלאַסישן פּסוק.

ער איז דער לעצטער ריטער, אָבער ניט דער לעצטער היטער. דורות און דורות וועלן זיך פֿרייען זינגענדיק זיין „דן און דאָניא" און היטן זיין ליד באַגלייך מיטן ליד פֿון אַלע דורות.

אסתר שומיאַטשער

(ה. רויזענבלאַטן — מיט ליבשאַפֿט)

●

בטחון

●

איך זוך דיך אין שטויב,
אין זאַמד, אין שטיין.
פֿון רויער ערד בליט דיין פּנים
מיט די שענסטע געוויקסן.
אודאי צו דערקוויקן דאָס אויג
און דעם בלוי פֿון דיינע רחמימדיקע הימלען,
וואָס מאַכן האַסטיקער שלאָגן
די אומרו פֿון מיין האַרץ.

פֿון די טיפֿענישן רוף איך צו דיר.
איך וואַרט אויף אַן ענטפֿער,
אַ צוזאָג, אַ צייכן.
פֿאַר דיין געטלעכער גבורה שטיי איך געבויגן
אַן אָנגעטרונקענע מיט טרויער —
וואו איז דאָס געטלעכע ליכט פֿון דיינע אויגן?

עס גוססט דער טאָג.
מיט יעדן שטאַרבנדיקע ציטער
גייט אויף מיין בענקשאַפֿט צו דיר.
מיט ברענענדיקן שריפֿט
איז מיין דמיון געצייכנט —
בטחון, מיין ליבסטער,
בטחון.

די זון פֿאַרגייט אין איר פֿלאַמיקער שענקייט.
די זון פֿאַרגייט,
ווי עס שטאַרבט מיין פֿאָלק.

צום באַרג אַנטקעגן ציט זיך מיין אָוונטדיקער שאָטן.
ווי פֿון אַ קייט
טוט אַ כליפּע מיין טרויער.
אַ שטערן שפּילט מיט אַ גרינעם פּייער.
זיין נשמה צעוויגט זיך אין פֿלאַמען.
תנכיש, מיט איינגעהאַלטענעם בלוי
דוכנט דער הימל מיט יונגער פֿרייד,
און מיט ווילדן באַגער —
מיין טייערער,
איך זוך דיך אין גראָז און אין פֿייער,
און אין דער ליבע פֿון דיין טרער.

טרויעריק לעשט זיך דאָס גראָז אין אָוונטדיקן שווייגן.
אַרום די ביימער מיט זייערע צעבושעוועטע צווייגן.
אַ הייסער פּחד לויערט אין די בערג אַרום.
אַ שטים פֿון צווישן דערנער מאָנט עקשנותדיק:
קום!
באַריר מיך,
ס'איז פֿייער אין מיין יעדן דאָרן.
איך בלי מיט אָוונט־בענקשאַפֿט,
און ווער אַליין אין מיינע בענקשאַפֿטן פֿאַרלאָרן.

די זון פֿאַרגייט אין איר פֿלאַמיקער שענקייט.
די זון פֿאַרגייט,
ווי עס שטאַרבט מיין פֿאָלק.

שפרה ווייס

ה. רויזענבלאַטן צום 70־יאָריקן יובל

•

וועלט, איך זוך דיין אַדרעס!

•

וועלט, איך זוך אַרום
דיין אַדרעס —
רונד אַרום זיינען זומפּן,
אין די זומפּן — פּרעש.

אומעטום זיינען וועלדער,
אָנגעפּילט מיט וועלף און לייבן.
היט איך אָפּ מיין פאַרמעגן:
מיין האָפענונג און גלויבן.

מיינע אויסגעחלומטע טויבן
טראָגן אין זייערע פליגל
מיין לעבן, ווי אַ נס,
זיי זוכן דאָס האַרץ פון דער וועלט
פאַר מייניקע אַ ברעג, אַן אַדרעס.

וואו צו פלאַנצן מיין האָפענונג,
מיין יושרדיקן חלום,
פאַר מיין פאָלק צו די זיבן הימלען — ערד,
פאַר אַלעמען — גערעכטיקייט און שלום.

עס מאָנען דורך מיר די קדושים
זייער לעבן צוריק.
אַ מאָנומענט זאָל מען נאָך זיי שטעלן:
שלום און גליק.

ה. רויזענבלאַט

ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען וועגן זיין שאַפן(*

פון ש. קאַרפמאַן

א — זיינע ערשטע צוויי לידער זיינען געדרוקט געוואָרן אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס", זונטיק, יאַנואַר דעם 2טן 1900.

ב — **לידער־זאַמלונגען, אין כראָנאָלאָגישן סדר:**
„לידער". 1910, פאַרלאַג „אידישע ביבליאָטעק", 112ז., בראָשורט.

ג — **„געדיכטע און לידער".** 1915, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל. 320 ז. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע.

ד — **„אונטער גאָטס הימלען".** 1919, אַרויסגעגעבן פון דעם שלום עליכם צווייג, 104 דעטראָיט, מישיגען. אַ צווייטע אויפלאַגע אַרויסגעגעבן דורך מ. נ. מייזעלס פאַרלאַג, נויאָרק.

ה — **„בלויע פלאַמען".** אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט צום 25יאָריקן שאַפן פון דיכטער, 1925, לאָס אַנגעלעס קאַל., 157 ז.

ו — **„הרודעס".** אַרויסגעגעבן פון לאָס אַנגעלעסער קולטור געזעלשאַפט, 1930, 152 ז. געפּלאַנט פאַר אַ טרילאָגיע („הרודעס", „ליים", און „ערד").

ז — **„ליים".** פאַרטזעצונג פון „הרודעס", אַרויסגעגעבן פון דער לאָס אַנ־געלעסער קולטור געזעלשאַפט, 1935, 136 ז.

ח — **„בעבזיק".** אַרויסגעגעבן פון „צענטראַל קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן", נויאָרק, מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינט פון לאָס אַנגעלעס, 1940 160 ז.

ט — **„מיין ליכטיקע נסיעה".** ה. רויזענבלאַט בוך־קאָמיטעט, דורכן פאַר־לאַג ל. מ. שטיין, שיקאגא, 1944. 170 ז.

---

*) די ביבליאָגראַפיע איז ווייט ניט פאָלקאָם, צוליב דעם, וואָס דער נויטיקער מאַטעריאַל, די פּינקטלעכע דאַטן פעלן. עס זיינען אויך אַרויס־לאָזט געוואָרן די פילע עסייען, פעליעטאָנען, קריטישע אַרטיקלען, וואָס דער דיכטער האָט דורך די יאָרן געשריבן.

י — **„אָדמס קינדער״.** ה. רויזענבלאַט בוך־קאָמיטעט, דורכן פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1944, 126 ז.

יא — **„אליהו הנביאס כוס״.** איינאַקטער פאַר קינדער. דערשינען אין פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך״, אַרום 1919, בראָשורט.

יב — **זיך באַטייליקט אין די פּאָלגנדיקע** צייטונגען, זשורנאַלן, אַנטאָלאָגיעס, שול־ביכער און זאַמלביכער. „פאָרווערטס״, „טאָג״ „וואַרהייט״, „פרייע אַרבעטער שטימע״, „פרייע געזעלשאַפט״, „קולטור״, „אונדזער וועג״, „אויפן שוועל״, „בריקן״ (שיקאַגאָ), „עפּאָכע״, „דאָס נייע לאַנד״, „ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע). אין די מעקסיקאַנער צייטונגען: „דער וועג״, „די שטימע״; „קינדער זשורנאַל״, גרינינקע ביימעלעך״ „יידיש״, א. אַנד. אין „באַסינס אַנטאָלאָגיע״, „מיט־מערב אַנטאָלאָגיע״, אין כמעט אַלע שול־ביכער.

יג — **קריטישע אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס, נאָטיצן** וועגן ה. רויזענבלאַטס שאַפן. וועגן ערשטן בוך „לידער״ — **בן יקיר:** „לידער פון ה. רויזנבלאַט״ אין „אידישן קעמפער״, 1910. **אב. גאָלדבערג,** אין „דאָס אידישע פאָלק״. **א. שיינזעעל,** אין „פאָלקס בלאַט״. „וואָכען בלאַט״ (לענגערער נאָטיץ). „לידער פון ה. רויזענבלאַט״, אין שיקאַגער „קוריער״. **זעווין** אין „טאַגעבלאַט״. **ס. ק. שנעעפאַל** אין „די צוקונפט״. **ש. ניגער,** „פריינד״, 1910, לענגערע רעצענזיע אונטערן קעפּל „ה. רויזענבלאַט״. **ש. ראַסקין** אין ״פרייע אַרבעטער שטימע״. **י. ס.** אין „טרוימען אוןווירקלעכקייט״. **מ. צ יפין** אין „איד. קוריער״.

יד — וועגן „געזאַמלטע געדיכטע און לידער״ **ש. ניגער** אין „וויטער בוך״. **ב. באָרוכאָוו:** „אַ יונגער דיכטער מיט טאַלאַנט און באַשיידנהייט״, אין „וואַרהייט״, יאַנ. 12. **מ. כץ** אין „טאָג״, יאַנואַר 12, 1915. **שכנא עפּשטיין** „געזאַמלטע געדיכטע און לידער פון ה. רויזענבלאַט״ אין „נייע וועלט״. אַ לענגערע רעצענזיע אין „טאָגעבלאַט״, יאַנואַר 3טן, 1915. **מ. אָלגין,** אין די „צוקונפט״, 1915. **ק. מרמר:** „ה. רויזענבלאַטס געזאַמלטע געדיכטע און לידער״, אין שיקאַגער „קונסט זשורנאַל״. *משה נאַגער,* „פעלד און בלומען״, אין דער „פילאַדעלפיער אידישע וועלט״, 1915. **סאול ראַסקין:** „פרייע אַרבעטער שטימע״, „אַ דיכטער פאַר דער יוגנט״. **י. זעווין** אין „טאַגעבלאַט״, מערץ דעם 3טן, 1916. **א. לעיעלעס** אין „אונדזער וואָרט״, רעצענזיע. **ד. ב.** (ש. יאַנאָווסקי) „ביכער״, לענגערע רעצענזיע. **ב.**

